# קרית ברסלב

שנה ה' נומער 245 פרשת ויצא · תשפ"ה

**גאסט ארטיקל:** היתר מאה רבנים!

**א סעודה מיטן ראש ישיבה:** לשון הרע אויף היכל הקודש!

**א מעשה אויף למעשה:** די נעבעך פון קלאס

**אויפן וועג אהיים:** מיין טעגליכע ברויט

## לייף אינשורענס! 13

איד דאס וויכטיג? וואספארא סארט פאליסיס איד אלץ דא! וועלכע סארט פאליסי זאל מען מאכן?



חסידי ברסלב באוויינען פטירה פון

## הרב שמעון שפירא זצ"ל



## א שבת צום געדענקן!

קרית ברסלב בלעטל

פרשת ויצא תשפ"ה • 245

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
משה ארי' שניצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
ש. ל. פליישמאן
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ח. ה. מינצבערג
ל. סאקס
**מגיה**
אברהם יצחק אייזנער
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גראפיקס**
ישראל העסקעל
בערל שניצלער
**קינדער אפטיילונג**
שמואל בער שניצלער
**מעלערס**
יחיאל בלאיש
ר. קרול



צו אדווערטייזן אדער אריינשיקן
בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין אריינצושיקן עדס איז זונטאג 1:00

צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069





שניי סעזאן 11





20 האסט חריין?





די הארץ פון א כלה 39

6 גאסט ארטיקל
12 היכל הקודש נייעס
29 סעודה מיטן ראש ישיבה
43 קינדער בלעטל


## זמנים
ויצא ו' כסליו

הדלקת הנרות .. 04:09
מוצאי שבת ...... 05:40

**מנחה מעריב**
פרשת וישלח
05:25









הֵיטִיבָה ה׳ לַטּוֹבִים
וְלִישָׁרִים בְּלִבּוֹתָם

יעמוד
על הברכה
ידידינו הנכבד
פארן מנדב זיין

די רענט פון

# חודש כסלו

מו״ה
אברהם
פרידריך
הי״ו

מו״ה
יעקב שלום
ראטענבערג
הי״ו

מו״ה
אהרן שלמה
שווארטץ
הי״ו

די זכות פון ארויסהעלפן דעם הייליג׳ן רבין׳ס
מוסדות זאל איך בייטשטיין צו האבן בני
ברוכי, פרנסה בשפע, געזונטע לאנגע יארן,
מיט פול סייעתא דשמיא.

מוסדות
היכל הקודש
ברסלב בארה״ב
רענט
קאמפיין

sruliHeskel

## איבער די הערליכע אפטיילונג פאר די ברסלב'ע שטוב

לכבוד די חשוב'ע רעדאקציע.

ס'איז מיר געווען א עקסטערע פארגעניגן צו ליינען דעם געלונגענעם ארטיקל פון ל. וועבערמאן "ווער כאפט אריין וואס?" זי האט ארויסגעברענגט זייער א שטארקע נקודה.

זייער אסאך מאל פיל איך אז די ראמען פון אן ארטיקל איז צו קליין ארויסצוברענגען וואס אלץ מען קען ארויסנעמען אויף למעשה אין פארשידענע טעמעס, אן ארטיקל דארף דאך בלייבן אינטערעסאנט און ציענדיג צו ליינען און נישט באקומען א אויסזען פון א מוסר דרשה. (למשל טאקע ביי דעם ארטיקל פון "גיימיר אויף אפרו" האב איך אויך געוואלט ארויסברענגען אז כדי צו קענען באמת הנאה האבן פון דעם טאג טעגליכן געיעג ווען מען האט די פיצלעך קינדער דארף מען זיך לאזן העלפן און/אדער מוותר זיין אויף וואס מען קען נאר, ווי למשל ניצן איינמאליגע געשיר, איך האב אבער געזען אז אויב איך גיי צופיל מאריך זיין גייט דער ארטיקל ווערן לאנגווייליג האב איך געלאזט פאר די ליינערינס אליין ארויסנעמען די מסקנה).

איבערדעם וועט פאר מיר פערזענליך זיין זייער אינטערעסאנט צו הערן און ליינען וואספארא נאך געדאנקען מען קען אלץ ארויסנעמען פון סיי וועלכע ארטיקל.

איך וויל אויך זייער באדאנקען פאר די חשוב'ע רעדאקציע פון די בלעטל וועלכע לייגן אריין אזוי סאך כח יעדע איינציגן וואך אונז צו מהנה זיין מיט ערליכע אינטערעסאנטע ליין מאטריאל און א עקסטערע יישר כח פאר אלע טייערע שרייבערינס ש. טראכטער, ג. פעקעטע און ש.ל. פליישמאן וועלכע האבן אזוי שיין אויסגעברייטערט די פרויען אפטיילונג און ברענגען ארויף זייער שיינע געדאנקען יעדע וואך.

אז איך האלט שוין די פענע אין האנט וועל איך אויך איבערגעבן א ווארעמען מזל טוב פאר ח. פ. וועבערמאן צו די געבורט פון איר בכור, אין זכות וואס דו נעמסט יעדעס מאל מיינע טויטע בלעטער און טייפט עס אויף אזוי קלאר האב איך די שטוב בכלל אראפצוברענגען מיינע געדאנקען אויפן פאפיר...

דער אייבערשטער זאל אונז געבן ווייטער די מעגליכקייט אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט.

מ. פאפנהיים

אמאליגע צייטן פלעגט מען גיין צום דאקטער.

אמאליגע צייטן איז מען געלאפן טעגליך
צום דאקטער פאר א פלו טעסט
היינט-צו-טאגס קומט דער דאקטער'ס אפיס
אהער צו אייער היים און אפיס.

Medease
CARE AT HOME

718.208.2030
Sunday 12-8 | Mon-thursday. 3-10

די דאקטערס
אפיס ביי דיר
אינדערהיים

אברהם משה שטראססער

# חזדו אדער חסטו?!



**הודו לה' כי טוב... כי לעולם חסדו!**

"ניין... נישט געזאגט גוט!"
"וואס עפעס? וואס האב איך נישט גוט געזאגט?"
"אה! די ווארט איז נישט 'חזדו' די ווארט איז 'חסדו'".
"אהא! איך הער... "
"אבער א מינוט א מינוט, וואס איז בעסער ווי דו זאגסט?
דו זאגסט דאך אויך נישט '**חסדו**',
דו זאגסט '**חסטו**'!
איז סך הכל איך זאג א ז' אנשטאט ס',
און דו זאגסט א ט' אנשטאט ד'".
צומישט? איז דאך גוט...!

נו... וואס האלט דער עולם, ווער פון די צוויי איז בעסער?
אודאי ארויסזאגן שטייט און קלאר 'חסדו' וואלט געווען דאס בעסטע,
אבער ווי אזוי קוקט מען עס אן מיט שפעקולירנדע אויגן?
ענדערש 'חזדו' אדער ענדערש 'חסטו'?

איז אזוי!
עס איז נישט צופיל נוגע לגבי 'חסדו' 'חזדו' 'חסטו',
עס איז א קנאפע נפקא מינה פאר אונז,
אבער די לימוד דערפון איז שוין איינמאל א נפקא מינה.

עס קען זיין ווי צוויי מהלכים אין לעבן,
ווי אזוי שטעלסטו אויס דיין מהלך,
סך הכל זענען טאקע ביידע מיט איין אות אפגעריקט,
אבער דער **חזדו** מהלך איז א יאוש וועג.
שוין ס'וועט שוין סיווי קיין געהעריגע ח'ס'ד'ו' נישט זיין,
איז זאל שוין זיין,
ער גייט לכתחילה אריין אויפגעגעבן,
ער הייבט שוין לכתחילה אן די ווארט גרייזיג.

מה שאין כן דער **חסטו** מהלך,
איז א טראכט...
איין מינוט...
איך בין טאקע נישט זיכער אז איך וועל קענען אויסלייגן די ווארט גוט,

אבער לאמיר כאטש פרובירן וואס מען קען,
לאמיר אנהייבן, לאמיר פרובירן.

איז יעצט אויסרעכענדיג מיטן קאלקולעיטאר,
סוף פונעם ווארט מיט וויפיל פראצענט זיי זאגן די ווארט גרייזיג,
וועט אויסקומען אז ביידע זענען די זעלבע 'איין אות',
אבער נשמה'ווייז איז עס הימל און ערד.

א מענטש וואס איז נישט גרייט אפילו צו טרייען,
ווייל אין קאפ איז ער שוין סיי ווי א דורכפאל,

ווידעראום איז דא א צווייטער וואס הייבט אן מיטן פרובירן,
איך שטרענג מיך כאטש אן צו טון וואס איך קען יא,
איי עס גייט סיווי זיין א דורכפאל?
דאס איז נישט מיין געשעפט!

עס איז לייכטער צו אנהייבן מיטן פארגרייזטן ז' 'חזדו'
כדי נישט ארייננהאקן אינעם ד'.
ווי דער צווייטער ווידעראום וואס גייט אין א רייע,
עס שטייט ח' ס' איז עס חסטו.
לאמיר זען וואס איז יעצט ריכטיג צו טון,
איי עס וועט באלד ארויסקומען א נייע פראבלעם?
העמיר זיך דעמאלט זארגן.

עס איז א געוויסע מהלך... ניין?
לכאורה!
אלעמאל בעסער צו קוקן וואס איז יעצט ריכטיג צו טון,
טראכט נישט: "אבער עס גייט אפשר ארויסקומען שפעטער א פראבלעם!"

היינט ווייסטו שוין נישט 'חסדו' 'חזדו' 'חסטו',
אבער איין זאך איז זיכער,
צוויי מענטשן ענדיגן זייער לעבן,
פען און פעיפער האבן ביידע געטון אקוראט דאס זעלבע,
אבער אין הימל איז עס כרחוק מזרח ממערב.

**ווי ענדיגט ער דארט די נענועים? חס...דו...יי..!**

## גאסט ארטיקל




# היתר מאה רבנים

ש. צ. היסטאריקער

איר האט שוין אמאל געהערט פון אפיציר דינקלהעלער? ניין? וועל איך אייך ציגן וואס מיינט אז מען קען זיך אפלערנען פון יעדע מעשה.

געווען איז דאס יארע תשנ"ז - 1998 בלע"ז אין לאורענס קאונטי וואס געפינט זיך אין דזשארדזשיע (איינס פון די פופציג שטאטן פון אמעריקע), ווען אפיסער קייל דינקלהעלער, א צוויי און צוואנציג יעריגער אפיציר מיט פיר יאר ערפארונג האט אין א גרינעם מאנטאג אפגעשטעלט א ווייסן פיקאפ טראק וואס איז געפארן 98 מייל א שעה אויפ'ן I-96.

די פונקטליכע דעטאלן וואס האט פאסירט נאכדעם וועל איך נישט אראפברענגען דא, אבער אין קורצן האט פאסירט אז עס איז אנשטאנען א ווערטער אויסטויש און מיסטער דינקלהעלער דער פאליציי אפיציר האט זיך אנגעהויבן שפירן באדראעט, אנשטאט נעמען קאנטראל פון די מצב און זיך ארויסשטעלן מיט א שטארקייט איז דער פאליציי אפיציר געווארן אביסל פארלוירן און געענדיגט האט זיך עס אז דער דרייווער פונעם פיקאפ טראק האט זיך צולאזט אויפן פאלציי אפיצער און אים אנגעהאקט די ביינער, מען האט געברויכט אים באהאנדלען אין שפיטאל פאר א לענגערע צייט, דעם פיקאפ טראק דרייווער האט מען איינגעזעצט און ער איז געזעצן שיין ווי א טאטע'לע קרוב צו צוואציג יאר. עד כן המעשה מיט דעם דינקלהעלער.

ווי עס ווערט אינטערעסאנט איז אז די גאנצע מעשה איז געווארן אפגעכאפט אויף קעמערע (לכאורה פון די ערשטע ווערסיע'ס פון א "דעש קעם") און דאס ווערט שטודירט און איבערגעקוקט נאכאמאל און נאכאמאל, און ווערט געלערנט מיט אלע נייע אפיצירן וואס ווערן אריין טרענירט.

צווישן די זאכן וואס מען קוקט אדורך איז ווי מיסטער דינקלהעלער האט פארלוירן קאנטראל, און ווי דער ווען ער האט אפגעשטעלט האט אים אנגעהויבן שטעלן שווערע פראגעס, ביז ס'איז ארויס פון קאנטראל און ס'האט אנגעהויבן גיין מיט הענט און שטעקענס. צווישן אנדערע לערנט מען אויס פאר די פרישע פאליציי אפיצירן ווי אזוי צו האלטן די מצב רואיג ביי אלע געלעגענהייטן, אזוי ווי די באקאנטע "לייסענס ענד רעדזשיסטרעישאן פליז" סלאגאן וואס איר ווערט געפרעגט ביים ווערן אפגעשטעלט, וועט איר אים פרעגן וואס איז די העפליכקייט? נעמט אייך וואס איר ווילט און גיבט מיר נישט קיין טיקעט, ס'גוט, איר דארפט נישט זאגן פליז... מיר ביידע ווייסן זייער גוט אז אויב הארך איך אים נישט אויס וועט זיך עס ענדיגן ביטער... נאר אזוי האבן זיי זיך געלערנט, אז מען דארף האלטן די מצב העפליך אז ס'זאל נישט ארויסגיין פון קאנטראל.

מאכט זיך אסאך מאל וואס א אידל קומט צו צו מיר און הייבט אן רעדן ספעציפיש וועגן דער ראש ישיבה שליט"א, איך זע גראד אז איך גיי פארלירן קאנטראל פון די סיטואציע און ס'גייט זיך ענדיגן דא זייער שלעכט, איך גיי מיך מיט אים פארהאקענען. ברוך השם ס'האט שוין טאקע נישט פאסירט ביי מיר פאר א לאנגע צייט, ווייל די מעשה מיט מיסטער דינקלהעלער שווימט מיר גראד ארויף און ווי נאר ס'שמעקט נישט גוט וועל איך אפציען פאר ס'ענדיגט זיך שלעכט חס ושלום. ווייל מיט טענה'ן קומט מען נישט אן אין ערגעץ אזוי ווי דער ראש ישיבה דערמאנט אונז דאס שטענדיג.

די צווייטע זאך און דאס איז די עיקר סיבה פארוואס איך האב מיך דערמאנט פון דינקלהעלער איז ווייל כ'האב אים געטראפן... ניין, נישט אז איך גיי מיך טרעפן מיט עפעס א גוי, כ'האב אים געטראפן דא ביי מיר...

דער ראש ישיבה האט גערעדט דעם

דאנערשטאג נאכט פרשת תולדות ביים שיעור וועגן קאכן אין די לעצטע נייעס, איך קום דאך פון מיטהאלטן די לעצטיגע נייעס נאך פאר עס איז געווארן די פאריעריגע שניי... ווען עס איז נאך געווען באמת אינטערעסאנט, און איך האב מיך געטראפן צוקלאפט אזוי ווי אפיציר דינקלהעלער, דאס הייסט איך האב שוין געזען אז דא גייט זיך ענדיגן שלעכט, אבער איך בין נישט געווען געלערנט ווי אזוי זיך ארויס צו זען פון א מצב וואס הייבט אן פארן בארג אראפ, און אזוי איז אדורך אסאך יארן וואס איך בין נאכגעלאפן די קול קורא'ס און געווען א שטענדיגע צוהערער פון אלע דעמאגאגישע בעלי דרשנים, און אלץ זיך געטראפן נאכדעם צובראכן און צוקלאפט.

איך געדענק ווי עטליכע יאר צוריק ביי קאוויד בלע"ז בין איך געווען אזוי ברוגז אויף פאוטשי אז מ'האט געדארפט א היתר מאה רבנים אז איך זאל אים נישט אנשמייסן די ביינער, אבער יענע מעשה איז נישט געווען די ריכטיגע סחורה ווייל עס האט זיך געהאנדלט פון א גוי און אויכעט מיט די פעדעראלע רעגירונג וואס דעמאלטס איז דאך טראמפ געווען פרעזידענט האבן מיר זיך פארלאזט אז ער וועט שוין קעיר נעמען...

די ריכטיגע צוקלאפטקייט איז געקומען ווען איך האב געהערט אז אין א געוויסע חסידות האט עפעס זיך אנגעווארטשאפט און דאן איז געווען באמת פריילך... וואכן לאנג איז געווען וואס צו טון, איך בין געזעצן און אויפגעקומען מיט פלענער אויף פלענער ווי אזוי מען קען אין עטליכע מינוט שלום מאכן... און עס איז אדורך אפאר וואכן און כ'האב געזען אז מען הערט מיך סיי ווי נישט אויס בין איך געווארן זייער צוקלאפט. און אזוי איז דורכגעגאנגען פרשה נאך פרשה, די וואקסינאציעס געדענק איך נאך ווי אזוי מען האט געקאכט... ווי דער יעניגער האט געמאלדן אז ביז צוויי יאר וועט שוין קיינער נישט לעבן...) גראדע דער לעבט שוין טאקע נישט, בבחינות "איהו לא חזי מזלייהו חזי").

און ארויס בין איך א צוקלאפטער אזש (יישר כח ישראל דוד העסקעל פארן צוריק אראפברענגען דעם ווארט אין אונזער לעקסיקאן) איך האב געזען ווי איך קען ראטעווען די וועלט, פשוט מען הערט מיר נישט אויס...

איך בין געווען זיכער אז מער וועל איך שוין נישט ווערן אריינגעשלעפט אין די נייעס. אבער דאס איז געווען די מציאות.

און וואס האט זיך געטוישט אז ביז דעם דאנערשטאג נאכט האב איך נישט געהאט קיין אהנונג פון קיין שום איבערדרייעניש, וואס גייט פאר? אה... פרעגסט גוט, די ענטפער ציט זיך אפאר יאר, קודם מיט אביסל התבודדות האב איך געזען ווי אזוי איך קוק אויס נאכ'ן דורכפאלן און זיין צוקלאפט נאך די שווערע נייעס, אז מען האט נישט אנגענומען מיין מיינונג און יענער רב איז געבליבן אן דעם בית המדרש... אסאאאאאאק משניות אומגעפער אפאר פרקים יעדן טאג, ביז איך האב געכאפט אז דאס איז נישט גוט פאר מיר.

אז מען רעדט שוין וועגן משניות, א געוויסער מתנגד האט מיר געזאגט אז ער גייט נישט זאגן משניות ביז די רבנים קומען ארויס און זאגן אז מען מעג, בבחינות היתר מאה רבנים...

דערנאך איז געקומען די שיעורים פונעם ראש ישיבה וואס האבן מיר אריינגעקלאפט אין קאפ ארויסצוגיין פון די צוקלאפטקייט פון די נייעס ( אגב עס איז דא געוויסע וואס האבן צייט אויסצוהערן יעדער וואס רעדט נייעס אפילו יענער נעמט זיין נייעס פון צווייפלהאפטיגע מקורות, אבער זאגן אויף א גדול בישראל "ביי אונז האט מען נישט געהאלטן" איז שגור בפיו ר"ל).

און ועל כולם האט איבערגעוואויגן די הערליכע עצתו אמונה וואס דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט מיט מסירות נפש, סיי מיט דעם וואס עס נעמט פיזיש אוועק די צייט שבת פון ליינען די אלע צייטונגען, מאגאזינען, דזשורנאלן און אויסגאבעס און סיי וואספארא נאך נעמען ווי אזוי די פאפירענע געדרוקטע זאכן הייסן, און דערנאך מיט די בריוון וואס גייען צוביסלעך אריין, רואיג און שטייטליך עס נעמט נישט איין טאג אבער צוביסלעך צוביסלעך האב איך מיך דערזען נישט ליינען סיי וואס קומט מיר אונטער און אזוי ווייטער מיט די אלע האטליינס און וועבזייטלעך.

בנוגע היתר מאה רבנים... איך זוך א היתר מאה רבנים אדער אפילו פון איין רב אז מען מעג רעדן לשון הרע און רכילות. איך זוך א היתר מאה רבנים אז מען מעג ליינען צייטונגען, מאגאזינען, דזשורנאלן און אויסגאבעס. איך זוך א היתר מאה רבנים אז דו מעגסט קומען רעדן צו מיר קעגן מיין רבי וואס האט מיר ארויסגענומען פון די 'הייפ' פון ווען איך בין געווען אויפגעהייטערט ווען עס איז געווען א נייע היתר מאה רבנים...

און נאך איינמאל צוריק צו אפיציר דינקלהעלער, איך וועל גוט שטודירן די טעותים וואס איך האב געמאכט ווען איך בין ארויס צוקלאפט נאכן קאכן אין די נייעס און בלי נדר זיך נישט טרעפן נאכאמאל צוקלאפט און צובײלט פון אלע נייעס... אבער בעיקר וועל איך עס איבערגעבן פאר די פרישע אפיצירן, דאס זענען מיינע קינדער וואס איך וועל זיך מוסר נפש זיין אז זיי זאלן באקומען די חינוך וואס מען גיבט אין היכל הקודש.

אפילו אויב דו ווערסט קומען צו מיר זיך אפרעדן אז ווען ס'שנייט איז נישט דא קיין טרענספארטעישאן, וועט זיך נישט טוישן די סיבה פארוואס די ברסלב'ע מוסד איז דאס פארוואס זי איז באקאנט, איך וועל זיי טראגן אויף אלע פיר זיי זאלן זיך אויסלערנען אז אויב מען טוט זאכן וואס די צדיקים זאגן אז ס'איז נישט גוט, וועט מען ארויסגיין צוקלאפט און צובײלט, אזוי אז זיי זאלן נישט דארפן צוקומען צו א היתר מאה רבנים...

פנינים

# דעם רבינ'ס אמת!

ת

"תן אמת ליעקב, יא טאטע יא, יא פאטער יא..." זינגען ברסלב'ע חסידים מוצאי שבת ביי מלוה מלכה, מיט אזא זיסקייט און פרייליכקייט, מוהרא"ש שרייבט עטליכע מאל אין אשר בנחל אז דאס מיינט צו זאגן עס זאל אנטפלעקט ווערן די אמת פאר די וועלט, אז ס'איז דא א רבי וואס קען יעדן איינעם העלפן מיט אלע פראבלעמען און ברענגען צום אייבערשטן.

אזוי ווי אין די יעצטיגע פרשיות לערנען מיר וועגן יעקב אבינו, וואס זיין מדה איז אמת, האב איך זיך דערמאנט וועגן א שיינע שמועס איבער די נושא פון אמת וואס דער ראש ישיבה האט גערעדט דעם פארגאנגענעם סוכות העבר עלינו לטובה.

דער ראש ישיבה האט גערעדט וועגן די אמת פון היכל הקודש, און דערציילט צוויי מעשיות וואס שפיגלען אפ די וועג ווי אזוי מענטשן קוקן אן און פארעהרן דעם אמת, וועוו אין תוך גערעדט איז דער אמת'ער אמת אביסל אנדערש.

שאקלט זיך א בחור'ל, א אינגערמאנטשיקל, ביים טיש פרייטאג צו נאכטס, עס קומט שוין אן צום קלימאקס, מ'זינגט שוין דעם ווארעמען "קה אכסוף", דער זמר פון הייליגן רבי אהרן קארלינער זכותו יגן עלינו, מ'האלט שוין ביים הויכן פאל... "אוי... השבת נועם הנשמות...!" פלוצלונג שטעלט דער רב אפ דאס זינגען, ער רופט זיך אן צו איינער פון די באטייליגטע ביים טיש: "דו קאכסט טאקע אריין אינעם שבת; דו האסט אינזין דעם שבת, אדער דיין הייסע בלוט קאכט אין דיר, אדער גאר עבירות חס ושלום...?!" אלע ווערן איבערגענומען, אלע ווערן איבערראשט, 'ווי האלטן מיר טאקע, ווי אזוי קוקן מיר אויס, ווי האלטן מיר אויף די וועלט...?!"

שטעלט זיך יעצט די פראג, ווי אזוי קען מען דאס ארויסברענגען מכח אל הפועל? וואס קען מען טון מיט אזא אמת לעובדא ולמעשה, קען דאס ברענגען צו קומען נענטער צום אייבערשטן?

האט דער ראש ישיבה דאס זייער שיין אויסגעשמועסט, און ערקלערט, אז מוהרא"ש האט אונז געלערנט אן אנדערע אמת, אן אמת אז מ'קען זינגען מיט א ווארעמקייט "קה אכסוף" אפילו מען איז נאכנישט אזוי ווי מען דארף צו זיין, 'איך בין ווי אזוי איך בין, איך דארף תשובה טון און איך טו תשובה, אבער יעצט וויל איך זינגען צום אייבערשטן, יעצט וויל איך טון א מצוה' וכדומה, מען טאר זיך נישט צעקלאפן און זיך אראפברענגען - ווען מ'וויל טון א גוטע זאך - מיט די שוועריקייטן וואס מען האט און דאס זאל אפהאלטן פון טון די גוטע זאך, און מצוות און מעשים טובים.

א צווייטע דוגמא האט דער ראש ישיבה דערמאנט, אז אסאך מאל ווילן מענטשן וועלנדיג דעמאנסטרירן דעם אפענעם אמת מיט אלע פארבן, אויף א וועג פון ווייזן אז זיי זענען ביים אמת, זיך אויסדרוקן אויף וועגן וואס איז פארבאטן לויט די תורה אזוי צו רעדן, צום ביישפיל אויף אן אופן פון ניבול פה, אדער אנדערע אופנים, וואס באמת איז דאס נישט קיין אמת, נאר איז א וועג פארצושטעלן כאילו מ'איז אינגאנצן אפן מיטן אמת.

דער ראש ישיבה האט אנגעכאפט א דוגמא, ווי ער האט אמאל געהערט ביי א געוויסע חבורה ווי מ'רעדט אז באמת ווען מ'טוט אן תפילין איז דאס נישט פארן אייבערשטנ'ס וועגן, נאר מ'טוט אן די תפילין, והוא הדין ביי אנדערע מצוות, כדי מ'זאל נישט פילן גילטי [שפירן שולדיג] אז מ'האט פארפאסט די מצוה. דאס איז אייגענע געפילן, און האט גארנישט מיטן אייבערשטן... האט דער ראש ישיבה געזאגט, קודם כל איז דאס א גוטע מעטעד פונעם סמ"ך מ"ם אוועקצונעמען א מענטש פון דינען דעם אייבערשטן, ווייל מיט אזא סארט נישט אויסגעהאלטענע צוגאנג קען מען זיך רח"ל פטר'ן פון אלע מצוות.

און צווייטנס, אז מ'טראכט אריין אביסעלע טיפער זעט מען אז דאס האט שוין איינמאל מיטן אייבערשטן, ווייל וואס הייסט שפירן שולדיג אז מ'האט נישט אנגעטון תפילין איין טאג, פון וואו קומט דער געפיל? געוויס ווייל דער איד וויל טון דעם רצון ה' און מקיים זיין אלע מצוות און היטן די תורה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, נו, האט דאך דאס יא מיט'ן אייבערשטן, וואס איז דער ענין פון אפטיילן קיום

יואל שניצלער

המצוות פונעם טון דעם אייבערשטנ'ס רצון...?

נאר נישט אלעס וואס די וועלט באקרוינט מיטן זיגל פון 'אמת' איז טאקע 'אמת', נאר די 'אמת' פונעם צדיק, די אמת פון הייליגן רבי'ן, איז די ריכטיגע אמת, אן אמת וואס ברענגט צום אייבערשטן.

אסאך מאל קענען מיר זיך שפירן דערנידערט און צעשלאגן פון א נפילה, א שוועריקייט וואס מיר זענען אדורך, אדער גייען אדורך, לערנט אונז דער ראש ישיבה הונדערטער און טויזנטער מאל אין די בריוון, אז באמת איז דאס נישט קיין נפילה, נאר א וועג ווי אזוי מען וויל דערנענטערן דעם מענטש צום אייבערשטן, אזוי ווי מיר טרעפן אין איינע פון די בריוון, ווי דער ראש ישיבה שרייבט:

געב נישט אויף; אז דו ביסט געפאלן - זאלסטו זיך אויפהייבן, עס איז נישט עק וועלט, עס ווארט דיר שענערע טעג. דער הייליגער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק א', סימן כה): "וּבָזֶה טוֹעִין הַחֲסִידִים הַרְבֵּה, שֶׁפִּתְאֹם נִדְמֶה לָהֶם שֶׁנָּפְלוּ מֵעֲבוֹדַת ה'", אין דעם זענען זיך די ערליכע אידן טועה, ווען זיי זעען ווי זיי פרובירן צו זיין גוט און ערליך און פלוצלינג פאלט מען אראפ אין א ירידה, עס דאכט זיך זיי אז זיי זענען אראפגעפאלן, זאגט דער רבי, "וּבֶאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל, רַק מֵחֲמַת שֶׁצְּרִיכִין לַעֲלוֹת מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה, וְאָז מִתְעוֹרְרִין וּמִתְגַּבְּרִין מֵחָדָשׁ הַקְּלִיפּוֹת, שֶׁהֵם הַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַדִּמְיוֹנוֹת וְהַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַמְּנִיעוֹת כַּנַּ"ל, עַל כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ", אז באמת איז דאס נישט קיין נפילה, דאס איז נאר א דמיון וואס דער יצר הרע ברענגט אריין אינעם מענטש ווען ער איז מצליח און ער קען שוין גיין ווייטער אין די קדושה, דעמאלט מאכט ער אז דער מענטש זאל האבן חלישות הדעת, ספיקות און מניעות וכו', אבער מען טאר נישט קוקן אויף דעם נאר ווייטער דינען דעם אייבערשטן.

אמאל דארף מען אנהויבן מיט נישט דעם גאנצן אמת, אבער צום סוף קומט מען צו צום אמת, ווי דער ראש ישיבה שרייבט אין א בריוו:

**מיר האבן פאלשע בלומען מיט עכטע שמחה, נישט עכטע בלומען וואס מען צאלט אזויפיל געלט און ביז אפאר שעה ווארפט מען דאס אוועק אין די מיסט.**

דער רבי געבט אן עצה ווען מען איז נישט פרייליך - ווי אזוי מען קען ווערן פרייליך. דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן עד): "וְאִם לִפְעָמִים דַּעְתּוֹ מְבוּלְבָּל וְאֵינוֹ יָכוֹל בְּשׁוּם אוֹפָן לְשַׂמֵּחַ עַצְמוֹ", אז עס מאכט זיך א צייט וואס מען איז נישט פרייליך, מען איז זייער צעטומלט, "אָז עֲצָתוֹ שֶׁיַּעֲשֶׂה עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא שָׂמֵחַ", די עצה פאר דעם איז מען זאל זיך מאכן כאילו מען איז פרייליך, "וְאַף עַל פִּי שֶׁבַּתְּחִלָּה עֲדַיִן אֵין הַשִּׂמְחָה בֶּאֱמֶת בַּלֵּב", אפילו אין אנהייב וועט עס נישט העלפן, עס וועט זיין נאר א געמאכטע שמחה, אין הארץ וועט מען נישט זיין פרייליך, "אַף עַל פִּי כֵּן, עַל יְדֵי שֶׁעוֹשֶׂה עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא שָׂמֵחַ, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה אַחַר כַּךְ בֶּאֱמֶת לְשִׂמְחָה", דאך וועט עס העלפן אז מען וועט טאקע ווערן עכט פרייליך, "וְעֵצָה זֹאת הִיא עֵצָה גְּדוֹלָה מְאֹד, גַּם בְּכָל הַדְּבָרִים שֶׁבִּקְדֻשָּׁה", די עצה איז אן עצה פאר אלע זאכן אין קדושה; "שֶׁבַּתְּחִלָּה צְרִיכִין לַעֲשׂוֹת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא לָהוּט אַחַר אוֹתוֹ הַדָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, וְאַחַר כַּךְ זוֹכִין בֶּאֱמֶת לָזֶה", אין אנהייב זאל מען זיך מאכן ווי מען וויל עס, ווי מען האט דאס, נאכדעם איז מען זוכה צו די זאך.

און אוודאי געוויס, די אמת'ע שמחות וואס דער ראש ישיבה ברענגט אריין אין אונז, אזוי ווי דער ראש ישיבה שרייבט אינעם מכתב יומי, פארגאנגענעם דאנערשטאג תולדות:

עס איז כדאי זאלסט קומען זען מיט די אויגן די שמחות, ווי פרייליך די מחותנים זענען, ווי פרייליך חתן כלה זענען, די חתונה האט א אידישע טעם, מען שפירט א טעם, מען שפירט אן עכטע שמחה, נישט קיין געמאכטע, נישט קיין געבארגטע, נישט קיין פאלשע. מיר האבן פאלשע בלומען מיט עכטע שמחה, נישט עכטע בלומען וואס מען צאלט אזויפיל געלט און ביז אפאר שעה ווארפט מען דאס אוועק אין די מיסט, בשעת מען האט נארוואס געבארגט געלט און מען האט נישט פון וואו צו באצאלן, השם ישמרינו.

שכח אייבערשטער פאר אזא ראש ישיבה וואס לערנט אונז צו פאנאנדערשיידן צווישן 'אמת' וואס טראגט אוועק פון אייבערשטן און 'אמת' וואס ברענגט נאנט צום אייבערשטן, און לעבן מיט דעם.

# Just LISTED




Spacious and affordable offices for rent in the heart of Liberty

## Other Properties

- Yearly Rentals
- Shabbaton Rentals
- Summer Homes

**KB Management Team**
Call:845-439-0001 or Visit: kbmanagementny.com



## רעגן אין שטאט

### שאלה

וואס איז דער תועלת פון רעגן אין די באוואוינטע שטעטן, אין די וועלדער און פעלדער דארף מען האבן רעגן צו מאכן וואקסן די געוויקסן, און פאר די קוועלער, אבער אין שטאט ווערן וואס איז באדעקט מיט גאסן און הייזער ווערט רוב רעגן אוועקגעוואשן?

א. רייכמאן

### ענטפער

זייער א שיינע שאלה. לאמיר אויפמישן די גמרא אין מסכת תענית (פון דף ז' און ווייטער) "אמר רבי אבהו, גדול יום הגשמים מתחיית המתים, עס איז גרעסער א רעגנדיגע טאג פון תחיית המתים". "אמר רב יהודה, א רעגן טאג איז אזוי גרויס ווי דער טאג ווי מתן תורה". "רבא זאגט, אז עס איז גרעסער פון דער טאג פון מתן תורה". "רבי חנינא בר אידי זאגט אז תורה איז צוגעגליכן צו וואסער, פונקט ווי וואסער רינט אלץ אראפ, אזוי אויך תורה האלט זיך נאר ביי איינער וואס האלט זיך קליין". "רבי חמא ב"ר חנינא זאגט אז א רעגן טאג איז אזוי גרויס ווי דער טאג וואס דער וועלט איז באשאפן געווארן". "רב אושעיא זאגט אז אין א רעגן טאג קען מען זיך אויסבעטן אלע ישועות פון אויבערשטן". "רבי תנחום בר חנילאי זאגט אז דער אייבערשטער איז מוחל די עבירות פון אידישע קינדער אין א רעגן טאג". "רבי יוחנן זאגט, דער טאג פון רעגן איז אזוי גרויס ווי דער טאג וואס אידן וועלן ארויסגיין פון גלות". די אלע גוטע השפעות בקומען די אידן פון שטאט און די אידן פון די פעלדער אייניג. מיר אלע דארפן ישועות, מיר אלע דארפן תשובה טון, און א רעגן קומט אונז דערמאנען אז דער אייבערשטער וויל אונז הערן, ער וויל אונז געבן ישועות און אונז געבן א געלעגנהייט צו אנפאנגען פון פריש.

בגשמיות טוט רעגן אין שטאט נאך פילע זאכן, די גאסן ווערן אפגעוואשן, און אפילו די לופט ווערט גערייניגט פון די רעגן, אין שטאט איז אויך דא ביימער און גראז - טאקע נישט אזוי סאך - די אלע געוויקסן באקומען זייער שפייז דורכ'ן אייבערשטן וואס שפייזט אלע באשעפענישן דורך די רעגן.

אויסער דעם קען מען צוזאם זאמלען די וואסערן פון רעגן צו האבן דערפון פארשידענע תועלת'ן; פרעגט נאר די וואס בויען מקוואות אין די שטעט, אויב עס קומט נישט קיין רעגן איז נישטא קיין מקוה, און ווען דער אייבערשטער העלפט און עס קומט א רעגן איז עס א געוואלדיגע שמחה, מען זאמעלט איין די וואסער פון די דעכער דורך ספעציעלע ווענט און פייפס אויף א זייער פארזיכטיגע וועג אז די וואסער זאל זיך נישט קענען איינזאמלען אין קיין שום כלי, און אזוי רינט עס אראפ גראד אריין אין די מי גשמים בור, און דערנאך דארפן מיר זיך בלויז איינטינקען דערין און מיר ווערן ריין און הייליג פאר'ן אייבערשטן.

וויאזוי רייניגט א מקוה? איז דען די מי גשמים בור מער ריין ווי וואסער פון די סינק? געווענליך נישט, אבער כך גזרה חכמתו יתברך, דער אייבערשטער האט אזוי געזאגט אז ווען א מענטש איז טמא, אויב טונקט ער זיך איין אין א מקוה פון מי גשמים ווערט ער ריין.

און אז מען רעדט שוין מסכת תענית איז כדאי צו דערמאנען וואס מוהרא"ש פלעגט זאגן אז מענטשן וואס ווילן מתקן זיין זייערע עבירות זאל נישט פאסטן, ווייל דער רבי האט נישט געלאזט פאסטן, נאר אנשטאט דעם זאל מען געבן צדקה, ווי די גמרא זאגט (ברכות ו) "אגרא דתעניתא צדקתא" אז מען קען אויסלייזן א תענית מיט צדקה, מען זאל געבן געלט פאר ספרים וואס העלפן אידן צוריק קומען צום אייבערשטן, אזוי אויך זאל מען לערנען הונדערט אין איין מאל די מסכת תענית, בבלי, ירושלמי און תוספתא, וואס דאס איז א געוואלדיגע תיקון אנשטאט צו פאסטן

**גדול יום הגשמים!**

# היכל הקודש נייעס



ירושלים

## חסידי ברסלב באוויינען די פטירה פון הצדיק ר' שמעון ישראל שפירא זצ"ל

א גרויסע חלל שפירט זיך ביי ערליכע אידן בכלל און ביי חסידי ברסלב בפרט ווען אין ירושלים איז אוועק פון דער וועלט הרב הצדיק רבי שמעון ישראל שפירא זצ"ל, א זון פונעם באקאנטן צדיק ר' שמואל שפירא זצ"ל.

דער נפטר איז געבוירן געווארן אום ערב ר"ח אייר תש"ח, בשעת ווען די ציונים האבן געקעמפט זייער מלחמה קעגן דעם אייבערשטן, זה לעומת זה, אין דער זעלבער צייט איז אראפ געקומען די הייליגע נשמה.

בשעת זיין געבורט אין אלט שטאט ירושלים איז די געגנט געווען אונטער אראבישע קאנטראל, ווען דאס קינד איז געווען בלויז עטליכע טעג אלט האט מען ארויסגעלאזט די פרויען און קינדער, ווען מען איז אנגעקומען אינדרויסן האט מען געזען אז די דעק אין וואס דאס קינד איז געווען איינגעהילט איז ליידיג דאס קינד איז נישטא. ווען פלוצלינג קומט צו לויפן א סאלדאט מיטן קינד און שרייט "ווועמענ'ס איז דאס קינד"... נאך די מלחמה האט זיך משפחת שפירא באזעצט אין די קאטאמאן געגענט אין ירושלים, שפעטער האבן זיי זיך אריבערגעצויגן צו מאה שערים ווי ר' שמעון איז אויפגעוואקסן און געוואוינט אלע זיינע יארן.

דער גרויסער צדיק ר' שמעון איז געווען באקאנט פאר זיין געוואלדיגע שמירת עינים, נישט משיג צו זיין. זיין דאווענען איז געווען אויסערגעווענליך בדחילו ורחימו, יעדע ברכה האט ער געזאגט מיט כוונה, יעדעס מאל ער האט דערמאנט דעם אייבערשטנ'ס נאמען האט ער עס געזאגט מיט א ברען. מיט מענטשן אבער האט ער זיך געפירט ממש ווי אן איש פשוט, ער האט זיך געפירט ווי ער וואלט געווען דער שמש אין שול, ער האט גערוימט און געהאלפן. ער האט זיך ארויסגעכאפט מיט מסירת נפש פארגאנגעם ערב ראש השנה צו פארן קיין אומאן צום הייליגן רבי'ן טראץ זיין שוואכקייט.

ווען ער האט זיך באקענט מיט די ספרים פון מוהרא"ש איז ער געווארן זייער דבוק דערין, ער האט געהאט ביי זיך אין שטוב גאנצע שעלפס פון ספרי מוהרא"ש אין וועלכע ער פלעגט כסדר לערנען. שפעטער האט ער אנטוויקעלט א גאר שטארקע ידידות מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, ווען ער האט זייער מעריץ געווען. ער האט אלץ געבעטן פון זיין חשובן איידעם מו"ה משה שמואל שטעסל הי"ו מגיד שיעור אין ישיבה היכל הקודש ירושלים זאל אים ברענגען די וועכענטליכע קונטרסים "עצתו אמונה". ער פלעגט אריבערקומען צום ראש ישיבה שליט"א יעדעס מאל דער ראש ישיבה האט באזוכט אין ארץ ישראל.

אין זיין לעבן האט ער זייער אסאך גערעדט פון די תורה אזמרה (ליקוטי מוהר"ן סימן רפ"ב). בפרט אין די לעצטע צייט פאר זיין פטירה פלעגט ער חזר'ן אז עס איז נישטא קיין אנדערע וועג זיך צו האלטן נאר אויב מען פריידט זיך מיט די פשוטע זאכן ווי נעגל וואסער, מיט די בארד און פיאות און אזוי ווייטער.

פאר אונז בלייבט נאר איבער צו ערפילן דעם חלל וואס דער נפטר האט איבערגעלאזט, מיר וועלן זיך פארנעמען לעילוי נשמתו צו היטן אונזערע אויגן, זיך שטארקן אין אמונה פשוטה, דביקות אין צדיקים און אין שמחת המצות.

צו הערן א שמועס מיט זיין איידעם מו"ה משה שמואל שטעסל הי"ו איבער זיין חשובן שווער, רופט אריין קול ברסלב 212-444-9191 דערנאך 1-4-5-112.






# דַארְף מֶען מַאכְן לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס?

## שאלה

**אין די טעג רעדט מען זייער אסאך איבער די נושא פון לייף אינשורענס.**

**אלץ ווען ס'קומט ארויף א נושא אויפן טיש, ווייל מען וויסן וואס ס'איז דער ראש ישיבה'ס חוות דעת איבער דעם ענין, וואס האלט דער ראש ישיבה דערוועגן.**

**דערפאר ברענגען מיר אראפ א פרישן בריוו וואס דער ראש ישיבה האט געשריבן די וואך פון דעם נושא, וואס קלארט זייער שטארק אויס דעם ענין.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרַט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

מַאךְ שׁוֹין לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס, נִישְׁט דִי לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס מִיט גֶעלְט וְכוּ', נָאר דִי עֶכְטֶע לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "**לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פרשיותיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו**", וֶוער עֶס לֶערְנְט דִי פַּרְשָׁה יֶעדֶע וָואךְ, צְוֵויי מָאל דִי חוּמָשׁ אוּן אֵיין מָאל תַּרְגּוּם - וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים.

אוֹיךְ אִיז דָא אַ גוּטֶע לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס צוּ גֵיין אִין שׁוּל אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְנָחוֹת מד:): "**כָּל הַמֵּנִיחַ תְּפִילִין**", וֶוער עֶס טוּט אָן תְּפִילִין - "**מַאֲרִיךְ יָמִים**" אִיז זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן אַ לַאנְגֶע לֶעבְּן; דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִינְדֶערְפְרִי גֵיי אִין שׁוּל אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין.

לֶערְן יֶעדְן טָאג סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, וָואס אִיז אַ תַּמְצִית פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה. דִי בְּרִיוו וֶועלְן דִיךְ שְׁלֶעפְּן צוּ טוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, עֶס וֶועט דִיךְ שְׁלֶעפְּן צוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת אוּן צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶס וֶועט דִיךְ שְׁלֶעפְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער טֶעג אוּן יָארְן, אוּן וֶוער עֶס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "אוֹיף צְוֵויי כִּיתּוֹת מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר, אוּן אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן יָא גֶעוואוּסְט פוּן מִיר אָבֶּער הָאבְּן מִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, וַוייל אִיךְ וֵוייס אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען מֶען וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ גְרוֹיס חֲרָטָה הָאבְּן פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר אוּן פַארְוָואס עֶר הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, וַוייל אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּ מִיר אוּן מִיךְ גֶעפָאלְגְט, וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין דַּרְגָּא אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס עֶר וָואלְט נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען דֶערְצוּ, אָבֶּער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט נוּצְן, עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט".

הַיינְט אִיז דָא נָאךְ אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, אוֹיךְ מָארְגְן. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גְלִיקְלִיךְ אַז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי פִּיס, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעקְלָארְט דִי קָאפּ נִישְׁט זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן, פַאר אַפָּאר שָׁעָה וֶוערְן אַ בַּעַל חוֹב אַ גַאנְץ לֶעבְּן, אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ**

גרשון קרעמער




## דער שווארצער פרייטאג

פאראנגענעם פרייטאג תולדות ווערט אין די אלגעמיינע אמעריקאנער גאס גערופן דער "שווארצער פרייטאג" (בלעק פריידעי), דאס איז נישט ווייל עפעס שווארץ און שלעכט האט דאן פאסירט, נאר ווייל דאס איז דער סעזאן ווען די אלגעמיינע באפעלקערונג גרייטן זיך צו זייערע חגאות פייערונגען, דערמיט וואס זיי קויפן איין געשאנקען איינע פארן צווייטן, און דערפאר וואס די געשעפטן קאנקורירן איינע מיט'ן צווייטן, יעדער וויל כאפן די קונדן זאלן קויפן ביי זיי, ווערט ארויסגעלייגט גאר ספעציעלע ביליגע פרייזן אין די טעג, וואס דערמיט האפן זיי אריינצוכאפן דעם ציבור צו זייער געשעפט.

לויט די באריכטן האט זיך טאקע אנגעזען א העכערונג אינעם איינקויפן ביי די געשעפטן דאס יאר אנטקעגן פאראנגענעם יאר, אבער די אנליין סעילס זענען געווען אסאך שטערקער.

עס איז נאריש צו טראכטן אז מען קען אפקויפן די ווייב/מאן און קינדער מיט א מתנה, די מארקעטערס ווילן אונז איינרעדן אז אזוי קען מען זיך איבערבעטן, און אפילו א גאנץ יאר רעדט מען נישט און ווען יא קריגט מען זיך, קען מען אלעס פארגיטיגן מיט א שיינע "גיפט", בפרט אויב מען נעמט עס נאך ארום מיט שיינע איינפאק (רעפינג) פאפיר.

טאקע ריכטיג, ווען די פאר פאלק רעדן שיין איינע צום צווייטן, מען איז מוותר, און דערנאך קומט א מתנה, איז נישט קיין שלעכטע זאך, עס שאדט נישט; אבער דאס וועט עס נישט מאכן. דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אייביג אז דער עיקר איז דאס הארץ, אז דו געבסט א מתנה, טראכט נישט אז דער ברענד נעים וועט ברענגען די הערצער נענטער, רעד זיך נישט איין אז דער שטאקיגער איינפאק מיט די שיינע בענדלעך און שלייפן וועלן אלעס פארגלעטן; וואס יא? שרייב צו עטליכע גוטע ווערטער. מאך נישט ווידער קיין טעות אז דו דארפסט לויפן צום בארימטן חרוזים מומחה וואס וועט אריינפלעכטן די שענסטע מליצות און די קונסליכסטע ראשי תיבות און גימטריאות וואס אפילו ער פארשטייט נישט, אויסדרוקליך נישט, שרייב פשוטע ווערטער וואס גראמען נישט, אבער שטימט, שפָּאר נישט קיין גוטע ווערטער ווי שטארק דו שעצט און דו ביסט מכיר טובה. דאס ברענגט א קירוב לבבות און בויעט אויף א שטארקע קשר.

די זעלבע זאך ווען עס קומט צו רעדן צום אייבערשטן, דארפסט נישט זאגן קיין קונצליך חרוזים און רעדן אויף לשון הקודש, רעד נישט פארמאל. רעד צום אייבערשטן וואס מער פשוט, זאג אים ווי שטארק דו האסט אים ליב, זאג אים ווי שטארק דו גלייבסט אז ער האט דיר ליב, זאג אים ווי שטארק דו ווילסט זיין גוט, פארצייל אים ווי שטארק עס טוט דיר וויי אז דו ביסט דורכגעפאלן.

דארפסט נישט גיין צו עפעס א ספעציעלע פלאץ אדער זיך אנטון מיט ספעציפישע מלבושים, ווארט נישט אז דו זאלסט האבן א התעוררות, און דו שפירסט אז דיין הארץ איז אפן, סטאפ יעצט ווי דו ביסט, און זאג אים א ישר כח פאר דיין לעבן, דאנק אים אז דו ביסט געזונט, זאג אים ווי שטארק דו ביסט אים מכיר טובה פאר דיין טאטע/מאמע/מאן/ווייב/קינדער. דאס וועט מאכן דיין קשר מיט'ן אייבערשטן א קשר של קיימא, וואס וועט דיר צובינדן אויף א וועג וואס דו וועסט זיך נישט קענען אפרייסן פון אים אויף אייביג. פרוביר עס אויס, וועסט נישט דערלייגן.

לגבי בלעק פריידעי און אלץ ווען מען לייגט ארויס אז ס'איז דא מעכטיגע סעילס וויל למשל סייבער מאנדעי, איז גוט צו זיין וואכזאם און נישט קויפן זאכן וואס מען דארף נישט. בעסער צו זיין שולדיג די אלע שיינע זאכן וואס די געשעפטן טוען יעצט אפערן פאר זיך אליינס, ווי איידער מען זאל זיך אנמאכן חובות און זיין שולדיג פארן קרעדיט קארד אויף לאנגע חדשים.

**געב א גוט ווארט!**





# די ערשטע שניי לאזט איבער אראפגעפאלענע ביימער

אידישע קינדער דאנקען דעם אייבערשטן אויף די רעגן און שניי וואס איז געקומען אין די טעג, בפרט נאכדעם וואס איז דורך א לאנגע תקופה אן קיין רעגנס, און מען האט געשפירט וואס דאס מיינט אז עס קומט נישט קיין רעגן א לאנגע צייט, וואס האט נאכגעפאלגט מיט די שטארקע טרוקעניש און די פייערס און רויער.

א מענטש קען צומאל פארגעסן וואספארא טובה עס איז אז דער באשעפער שיקט אונז כסדר רעגן, און ווען עס גייט דורך א תקופה וואס עס רעגנט כסדר קען מען חלילה בועט זיין בטובה. דער אייבערשטער האט אונז אבער דאס מאל געשיקט א דערמאנונג אז רעגן איז א גרויסע טובה פאר אונז.

די יעצטיגע תקופה איז נאך אביסל פרי פאר שניי, געווענליך שנייט נאך נישט אין אונזערע געגנט אזא צייט פון יאר, און ווען יא, כאפט עס ממש נישט. ווען די וועטער האט פארגעזאגט א שטיקל רעגן-שניי, האבן זיי טאקע געזאגט אז כאטש עס וועט אפשר זיין אויסגעמישט פון שניי פון צייט צו צייט וועט עס אבער בכלל נישט זיך אנכאפן.

ווען מען האט געקוקט אויף די ביימער האט מען אויך געזען אז נישט אלע זענען שוין גרייט, דער אייבערשטער האט ברוב רחמיו וחסדיו איינגעשטעלט זיין וועלט אויף א הערליכע סדר, ווען עס קומט די ריכטיגע צייט, עס קומט שוין ווינטער, באפרייען די ביימער זייערע בלעטלעך, זיי לאזן עס גיין פריי, און אזוי ארום ווען עס קומט אן די שנייען, וועגט נישט די שניי צו שטארק אויף די ביימער, ווייל זיי האבן נאר די דינע צווייגן וואו זיך אראפ צו שטעלן.

אבער עס האט זיך ארויסגעשטעלט אנדערש ווי די וועטער מומחים האבן געהאט געזאגט, דער אייבערשטער האט געשיקט א שטערקערע קעלט ווי די פאראויסשאצער האבן געמיינט, און ס'האט זיך אראפ געלאזט א שטארקע שניי וואס האט האט איבערגעלאזט עטליכע אינטשעס שווערע נאסע שניי אויף פילע ראיאנען אין אפסטעיט.

מען האט אבער געזען אן אינטערעסאנטע זאך, כאטש רוב ביימער האבן שוין געהאט באפרייט זייערע בלעטער און האבן גרינג דורכגעמאכט דעם שטורעם, זענען אבער געווען ביימער וואס האבן זיך מחמת איזה סיבה שהוא נישט געקענט שיידן פון זייערע באליבטע בלעטער, זיי האבן זיך געשפירט - זעט אויס - זייער צוגעטשעפעט צו זייערע בלעטער, און האבן נישט געקענט פועלן ביי זיך זיי צו לאזן גיין, זיי האבן אפשר געטראכט - מען מוז זיי "שוין" יעצט לאזן גיין? אפשר קען מען עס לאזן אויף מארגן, כ'מיין וואס וועט שוין זיין אויב מעןווארט נאך א טאג צוויי?

אבער דאס האט למעשה נישט געטויגט פאר די ביימער, ווען מען פארט דורך די גאסן זעט מען נעבעך די אלע ביימער וואס זענען געווען אזוי שיין באדעקט מיט די הערליכע בא'טעמ'טע רויטע בעקעלעך בלעטלעך שטייען יעצט ארעם און צובראכן, זיי ווייסן נישט וואס פארא שלאק האט זיי באטראפן, פלוצלינג איז אנגעקומען א ווינט מיט א שטורעם און נאך פאר וואס ווען ווי, האבן זיי זיך געטראפן אינגאנצן צובראכן און צוקלאפט, זייערע שיינע צווייגן זענען נעבעך אינגאנצן אוועקגעפאלן.

די אלע ביימער וואס האבן זיך אבער געמאכט דעם חשבון אז מען דארף לאזן די שיינע בלעטער גיין ווען עס איז דער ריכטיגער צייט, זענען אבער געבליבן גאנץ און פרעכטיג.

מ'דארף חתונה מאכן די קינדער אין די צייט וואס דער אייבערשטער האט געהייסן, און נישט זיי האלטן ביי זיך קיין איין איבעריגע מינוט, ווייל דאס קען אראפווארפן סיי די קינדער און אזוי אויך די גאנצע שיינע בוים וואס דאס איז דיין משפחה. ס'לוינט זיך צו פאלגן די תורה וואס מיינט נאר אונזער תורה.

# געדאנקען

## צאמלייג-שטענדער תכשיט

אט לעצטנס האב איך געשמועסט מיט א אינגערמאן, און איך פרעג אים וואס ער טראכט וועגן געבן דרייסיג מינוט א טאג צו דורכזאגן גאנץ ש"ס במשך צוועלף חדשים? (הייסן הייסט עס אז מען דארף האבן א שעה א טאג צו ענדיגן ש"ס אין א יאר, אבער ס'איז נישט אינגאנצן ריכטיג, אויב מ'טוט עס צופרי אן אריינהאקן צען מאל, קען מען עס מאכן אין א האלבע שעה א טאג). זאגט דער אינגערמאן אז ער האט נישט די האלבע שעה א טאג פאר דעם! ער האט נישט קיין רגע אחת צו אנהייבן דורכזאגן ש"ס, (לאכט נישט! ער האט געמאכט א גאר ערנסטע מינע ביים ארויסזויגן דעם פריש געבאקענעם ליגנט פון דעם רעכטן טייטל-פינגער).

ביטע נישט דערציילן קיינעם אז דער אינגערמאן האט א צאמלייג שטענדער וואס גייט מיט אים אין קאר און אויפ'ן טרעין און וואו נישט. ער האט אלע קלאפערגעצייג גרייט זיך צו נעמען אין די הענט אריין, ער גרייט זיך כסדר צו לערנען, אבער די לעבן גייט נישט אלץ ווי מען וויל, און כסדר האט ער שטערונגען וואס מאכט ער זאל שווער אנקומען צו עפענען א ספר. יעדן טאג גרייט ער זיך מיט אייפער אז מארגן גייט מען לערנען, מארגן גייט מען עכט עכט לערנען, די גאנצע זאך פון "פלללללעין" "זזזזזזאאאגגגגן" גמרא איז נישט פאר אים, ער האט נישט קיין צייט פאר מינדערוויכטיגס.

דער צאמלייג-שטענדער תכשיט האט יא צייט צו לויפן ערב שבת קודש א מינוט פאר'ן זמן פון לעכט-צינדן, ווען עס זענען באשאפן געווארן די נישט-גוטע, און שטויסן און זעצן אויף די צוגעהאקטע גראסערי טיר אז ער מוז צוריק עפענען וועגן עפעס אן עמערדזשענסי, ער מוז קריטיש וויכטיג אהיימברענגען זיינע וויכטיגע מאגאזינען וואס ער וועט דארפן ליינען נאך די סעודה ווען זיין ווייב און קינדער וועלן וועלן רעדן מיט אים אפאר מינוט..

ביינאכט נאך די סעודה שטעלט מען אראפ דעם "ווארצלבוים" מאגאזין וואס האט די וואך א אפשאצונג וועגן טישו'ס, דריי טישו מבינים געבן איבער ווי אזוי זיי פילן ווען זיי ווישן זיך אפ די נאז.

דערנאך קומט דער מאגאזין "מאגערער" דארט לערנען זיי אויס פעשע גרויסע ברייטע אידן ווי אזוי צו ווערן דאר, מאגער, און דין, דער "מאגערער" פירט דארט יעדע וואך א פאלעמיק צווישן פיר פראפעסארן, פראפעסער צוקער האלט אז יעדער זאל נעמען די אנטי-דייעביטיס מעדעצין, פראפעסער בלוטבערג האלט אז יעדער זאל עסן וואס איז צוגעפאסט פאר זיין בלוט טייפ, פראפעסער באלי-באלי האלט אז יעדער זאל לייגן א באלי ביי די אויער, פראפעסער מעסערשניט האלט אז מ'זאל לייגן א מעסער אויפ'ן מאגן און עס מאכן אין האלב.

דערנאך קומט דער מאגאזין "לאנגווייליג" דארט איז דא מורא'דיגע "פראגן און ענטפערס", איין ליינער פרעגט דארט אזוי:

"לכבוד די טייערע איבערגעגעבענע וויסנשאפטליכע לאנגווייליג רעדאקטאר, איך האב שוין געצאלט פאר מיין זון יעדע סארט פראגראם און ער זאגט נאך אלץ אז ער איז לאנגווייליג, ווי קען זיין אזא זאך?! וואס טוט מען דא?! און זיין לאנגווייליגקייט איז גורם אז ער וויל דערציילן פאר זיין טאטע אז משה'לעס טאטע קען באוויקערן צען שקצים אויף איינמאל און יענקעלע'ס טאטע קען פארן שנעלער ווי צען סטעיט טרופערס, הישמע כזאת?! סתם אויפנעמען דעם טאטנ'ס טייערע צייט?!



מיר האבן שוין אלעס פרובירט און עס האט נישט געהאלפן, גלייך ווען ער קומט אהיים פון כתה א' אום פיר אזייגער איז ער איינגעשריבן צו גיין פינעף נאך פיר וואו מ'לערנט אים אויס אלדזשעברא (מיר ווייסן דעם פראבלעם אז א כתה אלף אינגל פארשטייט צו אלדזשעברא ווי צו טאנצן אויף די לבנה, אבער זיין "לאנגווייליג פראבלעם" איז

# איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

לויט אונזער מיינונג שטערקער ווי זיין "כתה אלף אלדזשעברא פראבלעם", מוז מען דאס ערשט אדרעסירן, און זאל זיין מח פלאצן פון די אלדזשעברא, אבי ער דרייט זיך נישט דא אונטער די פיס).

א שעה דערויף גייט ער צו א קורס וואס לערנט אויס צו מאכן הארמאני ווען דער הונדל שרייט קוקוריקו. א שעה דערויף גייט ער צו אן אלטע מיידל פון פופציג יאר וואס פארשטייט צו חינוך, זי לערנט אים אויס ווי אזוי עס איז די "feelings" פון די חלה בשעת'ן זיך טובל'ען אין די טאמעיטע דיפ, און ווי אזוי צו זיין סענסיטיוו צו די טראמא פון די סעלמאן פיש וואס איז נעבעך געווארן צוגעדעקט מיט בארביקיו סאוס און אריינגעשיבט געווארן אין דעם 350 דעגרי' אויוון, און וואס די פערפלעך שמועסן צווישן זיך ווען יעדער שלאפט..

א שעה דערויף גייט ער צו א גרויסן פראפעסאר וואס איז אים מסביר פארוואס די לבנה זעט אויס גרעסער אויפ'ן האריזאנט ווי אויבן אויפ'ן הימל, און פארוואס גרינע אדוועקאדא ווערט ברוין, און ווייסע ברויט ווערט גרין, און גרינע בענענעס ווערט געל, און רויטע טשיקן פלייש ווערט ווייס, און הארטע פערזשערך ווערן ווייער און ווייכע ברויט ווערט הארט. די טייג ווערט א גרויסע מיירע, און די טרויבן ווערן קליינע צוועבן, און די חילוקים פון אלע סארטן ווערעם וואס מ'עסט אין אזיע אויף מיטאג.

א שעה דערויף גייט ער צו "מוסד לתלמידים שמקבלים עבורם עשרת אלפים ככר כסף על ידי שאומרים שיש להם דיסעבילִיטי".

> ער מוז קריטיש וויכטיג אהיימברענגען זיינע וויכטיגע מאגאזינען וואס ער וועט דארפן ליינען נאך די סעודה ווען זיין ווייב און קינדער וועלן וועלן רעדן מיט אים אפאר מינוט.

דארט באקומען די "מחנכים הדגולים" שווערע טויזנטערס פאר יעדע קינד וואס זיי באצייכענען מיט א "דיסעבילִיטי" פאר נישט קענען שיילן פאטעיטעס מיט א נעגל שניידער, אדער פאר נישט קענען עסן פערפל מיט א גאפל, אדער פאר נישט עסן די אלפאלפא פעטא-טשיז ליימע-בין סעלעד..

די "מחנכים הדגולים" טיילן דארט אויס א געזונטע נאכטמאל פון duck-sauce טשיקן, מיט געציקערטע עפל-סאוס, דערנאך לערנט מיין זון ווי אזוי צו ליינען לאטייניש, און ווי אזוי צו געדענקען די נעמען פון די קינדער פון אלע אמעריקאנע פרעזידענטן.

און יעצט צו אונזער ברענעדיגע לאנגוויליגקייט פראגע, ווי קען זיין אז אונזער זון איז נאך אלץ לאנגווייליג?! פארוואס וויל ער נאך אלץ רעדן און שמועסן מיט זיין טאטע מאמע אין די צייט וואס מיר גייען אין פייער פאר אים ער זאל קענען פארשטיין די פערפל שפראך און מאכן הארמאני אויף די קוקוריקו?!

און דער רעדאקטאר ענטפערט:

מיר פארשטייען אייער צרה, די עסקנים ארבעטן אין קאנגרעס אויף א געזעץ אז די שטאט זאלן צאלן פאר די מחנכים הדגולים אז זיי זאלן איגנאנצן אוועק נעמען דאס קינד פון די עלטערן פון ווען די חדר באס ברענגט אים אהיים פיר אזייגער, ביז מארגן ניין אזייגער ווען דער חדר באס נעמט אים אין חדר, אזוי וועלן די עלטערן מער נישט הערן פון דעם קינד און זיי וועלן קענען זיצן על מי מנוחות און shop'ן טאמי הילפיגער און קאלווין קליין, וויל זיי האבן נישט וואס אנצוטון.

צום לעצט נעמט דער צאמלייג-שטענדער תכשיט אפיר די "טרענקוויליייזער" מאגאזין וואס איז געשטעלט אויסצולערנען די מחנכים הדגולים וויפל ריטאלין צו געבן פאר די קינדער אז דער מחנך הדגול וואס טויג צו גארנישט נאר צו פראסקענען און פארשעמען קינדער זאל נישט דארפן ארבעטן צו שווער חלילה.

די ברסלב'ע חברה זענען אנטשלאסן צו פארפלייצן נאך און נאך די ברסלב'ע גליונות און עצתו אמונה קונטרסים אז נאך איין צאמלייג-שטענדער תכשיט זאל זיך וויניגער פארטיפן אין די טיפע טיפקייט פון די סוגיא און זאל זוכה זיין צו עפענען א גמרא יעדן טאג פון לעבן.

# מעשיות פון תפילה




## אלחנן זויבערמאן

צפת


ברוך השם איך האב אסאך מעשיות פון תפילה אזוי ווי ביי אלע אנשי שלומינו וואס האבן געהאט מעשיות פון תפילה דורכאויס די נסיעה קיין אומאן ראש השנה פון אנהייב ביזן סוף.

די איינציגסטע פראבלעם איז אז מיין טעלעפאן איז צובראכן געווארן מוצאי ראש השנה, און דארט האב איך געהאט אפגעשריבן אלע מיינע מעשיות... אבער וואס איך געדענק פון אויסעווייניג וועל איך שרייבן.

1. ווען איך בין ארויסגעפארן צום לופטפעלד איז פארגעקומען א שטורעמישע פראטעסט אנטקעגן גזירת הגיוס אין ארץ ישראל, און מ'האט פארמאכן אלע וועגן ארויס פון שטאט. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אנצוקומען צייטליך צום לופטפעלד. שכח אייבערשטער אז דער דרייווער וואס כ'האב גענומען האט געקענט אלע אומוועגן, און אזוי זענען מיר ברוך השם אנגעקומען אין צייט.

2. איך בין אנגעקומען אין לופטפעלד און דארט בין איך געוואויר געווארן אז צוליב די מלחמה אין ארץ ישראל האט די עירליין גענומען א קלענערע עראפלאן וואס פארמאגט נישט גענוג פלעצער וויפיל זיי האבן פארקויפט.

ס'הייסט אז צענדליגער מענטשן דארפן זיך טרעפן נייע וועגן (אנ"ש האבן זיך זייער שטארק געמוטשעט און ארום געפארן די גאנצע וועלט, און טייל זענען ליידער נישט אנקומען).

איך בין געווארן זייער נערוועז אויב איך וועל קענען אנקומען אויף ראש השנה צום הייליגן רבי'ן, איך האב מיט א פרישקייט אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען ארויפגיין אויפן פליגער. שכח אייבערשטער פאר די נס אז איך האב געקענט ארויפגיין.

3. אזוי ווי ס'האט געפעלט פון אונזער גרופ ארום צוואנציג מענטשן וואס זענען למעשה נישט געקומען מיט דעם פליגער, האבן מיר געדארפט קענען צאמרופן אנדערע מענטשן, כדי די באס וואס מיר האבן געדונגען זאל זיך אויסצאלן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל אפיר טרעפן אנדערע אידן

וואס זאלן וועלן מיטקומען מיט אונזער באס. שכח אייבערשטער מ'האט געטראפן.

4. מיר זענען אנגעקומען צום גרעניץ וואס פון דארט האבן מיר גענומען א שיף מיט נאך אנשי שלומינו צוזאמען, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז אלעס זאל אדורכגיין שנעל און געשמאק, אסאך מאל קען א שיף זיין גאר א שווערע נסיעה. שכח אייבערשטער אז די נסיעה פון בערך א שעה צייט איז אדורך גרינג און געשמאק.

5. ווי אסאך האבן שוין מיטגעהאלטן אז ווען מ'קומט אן אין אומאן מאכט זיך אסאך מאל אז זיי לאזן נישט אריינפארן די באס ביזן בנין, נאר זיי שטעלן זיך אפ ערגעץ אין די געגנט פון ציון וכדומה. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז די באס זאל קענען אנקומען ביזן בנין און נישט נאר ביזן ציון. שכח אייבערשטער ער איז אריינגעפארן ביזן בנין.

6. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל נישט צו דארפן צאלן די שטייער געלטער וואס זיי בעטן פארן ארויפגיין צום ציון, שכח אייבערשטער איך האב נישט געדארפט צאלן.

7. אויפן וועג האבן גאר אסאך געווארט זייער לאנג ביים גרעניץ, אסאך האבן געווארט אפאר טעג צו האבן א וועג, איך ווי אסאך אנדערע האבן געבעטן דעם אייבערשטן מ'זאל זיך שוין טרעפן אויפן וועג אהיים און אנקומען אהיים בשלום ווי שנעלער. שכח אייבערשטער אז איך האב נאר געדארפט ווארטן פינף שעה, אנדערש ווי אנדערע וואס האבן געווארט טעג!

8. ביים אנקומען אין ארץ ישראל האב איך געבעטן דעם אייבערשטן א וועג קיין צפת, שכח אייבערשטער איך האב געטראפן א היטש פון דארט קיין צפת.

9. פאר א געוויסע סיבה האבן מיר געדארפט גיין אונטערשרייבן אז מיין זון אליעזר שלמה איז טאקע מיין זון.

כ'האב מורא געהאט אז זיי גייען אנהייבן צו פרעגן צופיל קשיות, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל גיין געשמירט, שכח אייבערשטער אז אן אראבישער פארשטייער האט אונז אויפגענומען און זיך גארנישט צופיל אינטערסירט.

10. שוין א לאנגע צייט בעט איך דעם אייבערשטן פאר אן אייגענע דירה אן גארנישט דארפן בארגן און אראפלייגן.

כ'האב עס נאכנישט אינגאנצן ערהאלטן, אבער א דיסקאונט פון א מיליאן שקל האב איך שוין... די סטעיט מאכט א גורל איינמאל און ווער ס'געווינט קען קויפן א דירה אן צאלן טעקסט, א ווערד פון א מיליאן...

יעצט בעט איך ווייטער אויף די איבעריגע געלט... און מער.

11. אזוי ווי איך האב יעצט נישט קיין אייגענע קאר (אויף דעם בעט איך אויך - פארזעצונג קומט אי"ה...) האב איך מיך געדארפט ניצן מיט א קאמפאני מיטן נאמען 'סיטי-קאר'.

די קאמפאני פארדינגט קארס אויפן שעה צו קענען ארום פארן אין שטאט און אין די שטעט ארום.

א טאג שפעטער באקום איך א טעלעפאון קאל פון זיי, אז זיי האבן געטראפן א פלעט אין איינע פון די רעדער און ס'ליגט אויף מיר עס צו פاררעכטן.

כ'האב נישט קיין צייט און געלט פאר זיי, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל מיך געלונגען פטור צו ווערן פון דעם (כ'האב זיכער נישט געטון, ווייל די קאר האט מיך שוין דעמאלט באוויזן אז ס'פעלט לופט, א צווייטער וואס איך קען נישט האט עס געטון)

שכח אייבערשטער כ'האב זיך געקענט ארויסדרייען פון דעם.

12. מיין שוואגער (מלמד מומחה ר' אברהם דוד אנשין הי"ו) האט געמאכט א ברית אין מירון (ויקרא שמו בישראל 'אליעזר שלמה' נ"י).

פון צפת קיין מירון איז נישטא קיין סאך באסעס, נארמאל נעמט מען א היטש. כ'האב געבעטן דעם אייבערשטן פאר א היטש - און א מענטש האט זיך אפגעשטעלט.

אויפן וועג פארציילט ער אז ער האט געהאט א שווערע ספק אויב ער זאל דא פארן אדער נישט, פלוצלונג האט ער באשלאסן יא צו פארן. שכח אייבערשטער!

13. פאר שבת האב איך געדארפט א היטש אהיים פון בית הדפוס אין צפת, ווי נאר איך האלט אינמיטן בעטן - שטעלט זיך יענער אפ נעבן מיך...

14. כ'בין ארויס צו די חבורה אין צפת, ס'איז געווען קאלט און כ'האב נישט געהאט קיין כח צו גיין צופוס, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן פאר א היטש. אינמיטן קלינגט מיר מו"ה ישראל מאיר קארסיאנסקי הי"ו פרעגן אויב איך דארף א היטש...

# קוק אהער

# האסט חריין? האסט רעטעך?

אההה געדענקסט נאך לעצטע וואך ווי אזוי איך האב אויסגעפויקט דא ברבים מיין שיינע זיסע צוקערדיגע לעכטיגע טאג ווען אלעס איז געפארן כסדרן ממש א מחי'! געדענקסט נאך?

האסט מיך מקנא געווען? אדער האסט געטראכט 'מע, איך מאך סתם אויף מעשיות, נישט דא אזא זאך א טאג וואס פארט אזוי א מחיה און קיין שום ציפ אדער פליק...

שוין ווי אזוי ס'זאל נאר זיין איז עס געווען פונקט ווי אזוי איך האב עס אייך אראפגעלייגט, גענוי ווי אזוי איך האב עס געשריבן, ס'איז געווען א עכטע מסודר'דיגע געשמאקע טאג.

אבער איך דארפסט נישט מקנא זיין... נישט יעדן טאג פארט כסדרן, נישט יעדן טאג שפירט זיך אזוי זיס און צוקערדיג... פארהאן אנדערע סארטן טעג אויך, ווען זאכן גייען שלא כסדר ווי אזוי דער מענטש טראכט, דא א פליק און דארט א ציפ...

אבער א טאג ווי פאריגע וואך אזאנס געדענקען איך שוין נישט - אלעס זאל גיין שלא כסדרן קאפויער? אלעס זאל גיין פונקט פארקערט ווי מיין קליין קעפעלע האט זיך אויסגעמאלט?

ס'איז געווען מיטוואך צופרי, איך האב ברוך השם זוכה געווען צו קענען גיין שול, גיין אין מקוה, אנטון טלית ותפילין און דאווענען מיט מנין, די טאג האט זיך פיין אנגעהויבן ברוך השם איך נאך גארנישט געשמעקט וואס ווארט מיך אפ...

איך קום אן אין אפיס, און אזוי ווי איך וויל נאר אנהייבן דעם טאג קומט אן אימעיל פון איינעם מיט וועמען איך פלעג טון ביזנעס, אז יענער האט זיך געמאכט א חשבון אז די לעצטע פינף יאר האט זיין ביזנעס געמאלן וואסער, ס'האט אויסגעקוקט ווי ער פירט א ריזיגע קאמפאני פיל מיט ארבעטער, א סוקסעספולער מענטש, עד כדי כך אז ער פלעגט גאר געבן פאר אנדערע ביזנעס עדווייס און ביזנעס קאוטשינג, ס'האט אויסגעקוקט עכט מעכטיג!

אזוי מעכטיג ווי ס'האט אויסגעזען פון אינדרויסן, אזוי ביטער איז געווען די מציאות אינעווייניג... געארבעט טעג אויף נעכט און נעכט אויף טעג, געלאפן אין א צירקל ימים ושנים אויף גארנישט, אויף לופט, די קאמפאני האט נישט פארדינט קיין איין דאלאר!

פאר אונזן תלמידי היכל הקודש וואס מיר זענען זוכה צו הערן שיעורים און התחזקות, א וועג אין לעבן פונעם ראש ישיבה איז דאס בכלל נישט קיין חידוש, צענדליגע מאל האט שוין דער ראש ישיבה גערעדט וועגן דעם, סיי דאס אז פון אינדרויסן כאפסטו התפעלות פון יענעם, ס'קוקט דיר אויס ווי יענער איז ממש סוקסעספול, דו לויפסט אים נאך ווי א נאר אבער דיר פאלט גארנישט ביי אז דער האט א קאמפאני וואס מאלט וואסער! ס'איז בכלל נישט מרוויח!

איז וואס קוקסטו אויף יענעם, וואס לויפסט יענעם נאך, וואס מאכסטו זיך נאריש פאר א בשר ודם... ער האט גארנישט, ער קען דיך נישט העלפן, ער קען זיך אליין נישט העלפן, מאך נישט קיין מציאות פון א מענטש.

דערנאך רעדט אויך דער ראש ישיבה זייער אסאך אז מ'זאל נישט וועקגעבן דאס לעבן פאר'ן בעל הבית. ס'קומט פינף אזייגער - זעקס אזייגער יעדער איינער מיט זיינע שעות, ס'קומט די צייט וואס מ'ענדיגט ארבעטן גיי אהיים, פארברען נישט דיין טייערע צייט פאר 'פאטענציאל' וואס יענער זאגט דיך צו, זיי נישט קיין נאר געב נישט אוועק דיין לעבן פאר א בעל הבית אדער פאר ארבעט.

א מענטש קען וועקגעבן שעות און טעג פאר א ביזנעס וואס ס'שטעלט זיך אויס צום סוף אז האט בכלל נישט פארדינט, סתם געמאלן וואסער אויף די חשבון פון זיין אינדערהיים מיט די ווייב און קינדער...

בקיצור ער שרייבט מיר אינעם אימעיל אז ער איז אויף צרות, און אויף דערוווייל שטעלט ער מער ווייניגער אפ אונזער געשעפט.

איך טראכט צו זיך "גם זו לטובה", א כפרה! דער אייבערשטער וועט מיר שוין שיקן וואס דארף צו מיר אנקומען און איך האב גארנישט וואס צו זארגן.

איך גיי ווייטער אינעם טאג, און איין גרויסע דזשאב הייבט מיר אן קווענקלען און מאכן מעשיות... ס'איז מיר גוט געווארן... אזוי נאך אינמיטן זיך פרובירן צו מסדר זיין מיט יענעם קומט שוין א פרישער קאסטומער און זאגט אז למעשה מע...

אזאנס האב איך נאכנישט געהאט... איינס נאכן צווייטן נאכן דריטן, אזוי איז געפארן מיין ערשטע האלב טאג ביז בערך צוויי אזייגער, אלעס שלא כסדרן, אנדערש ווי אזוי איך האב געוואלט, ווי אזוי איך האב געטראכט אז ס'איז גוט.

# דאס און יענץ מיט א טיפערע אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**



וואס זאל איך אייך זאגן, איך שעם זיך גאר טיף, איך טו בכלל נישט שטאלצירן מיט דעם אבער דאס איז געווען די מציאות, איך האב געכאפט איינס נאכן צווייטן און איך בין געווארן אביסל פארזויערט... מילד גערעדט...

צען נאך צוויי קלינגט מיין טעלעפאן און איך טראכט שוין אקעי וואס קומט יעצט?...

העלוי?

יא! ישראלי וואס מאכסטו ס'איז יוסל..

נא... ענטפער איך מיט די גרעסטע מאס קאלטקייט...

ישראלי!? וואס איז געשען מיט דיר? וואס איז דיין תירוץ? דו ביסט דאך שוין א ברסלב'ער, וואס איז דאס נישט זיין פריילך?

אוי האט ער מיך פארשעמט, יוש איז ער געווען גערעכט! וואס איז טאקע מיין תירוץ, וואס איז דאס ווערן אזוי פארזויערט ווייל זאכן פארן אנדרש ווי איך האב זיך פארגעשטעלט???

זארגט נישט, די מעשה האט א פריילכע ענדע...

איך האב זיך געגעבן א וועק אויף ווי פון אינמיטן א טיפע שלאף און גראד די ערשטע זאך האב איך אנגעהויבן דאנקען דעם אייבערשטן אויף אלע חסדים וואס דער אייבערשטער טוט מיט מיר און מיט מיין משפחה, איך האב זיך מחיה געווען מיט וואס איך האב יא, ס'האט מיר אנגעהויבן צו קלינגען אין קאפ די מעשה מיט דער תם, פריי דיך מיט וואס דו האסט יא.

יענער האט אהין?! וואס איז שייך צו קוקן אויף יענעם? דאס איז מיין זאך און דאס איז זיין זאך, איך וועל קוקן אויף אלעס גוטס וואס איך האב, אויף אלע חסדים וואס דער אייבערשטער טוט מיט מיר אויף טריט און שריט.

איבריג צו זאגן אז ווי נאר איך האב תשובה געטון און פריילך געווארן האט מיין גאנצע טאג זיך צוריקגעדרייט, שכוח אייבערשטער! אלעס האט ווייטער זיך אנגעהויבן צו פירן כסדרן און געשמאק ברוך השם.

דאנערשטאג נאכט פרשת תולדות

ביים שיעור האט דער ראש ישיבה געפרעגט זייער א שטארקע קשיא: רש"י זאגט אויפן פסוק שני גוים בבטנך דאס איז אנטונינוס מיט רבינו הקדוש וואס זיי זענען געווען אזוי רייך אז ביי זיי איך אלס געווען אויפן טיש רעטעך מיט חריין.

רעטעך מיט חריין?? האט דער ראש ישיבה געפרעגט, וואסערע מין רייכטום איז רעטעך מיט חריין? מילא אז דו ווערסט מיר זאגן ס'איז אלס געווען ביי זיי אויפן טיש גאלד, זילבער, טייערע דיימאנט שטיינער, אה דאס איז א רייכטום אבער רעטעך מיט חריין??

נאר וואס דען... דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דאס איז אזוי ווי די מעשה פונעם תם, מ'זעהט ווי אזוי דער תם האט גארנישט געהאט, און דאך האט ער געשפירט אזא זיסע טעם אין וואס ער האט נאר געהאט. ער האט געבעטן פלייש, האט מען אים געברענגט ברויט, און ער האט זיך מחי' געווען, ס'האט ביי אים געהאט אלע טעמים!

דאס איז די חריין און רעטעך, עפעס האסטו יא? האסט חריין? האסט רעטעך? דאנקן דעם אייבערשטן פאר דעם זאג שכוח אייבערשטער פאר די גוטס וואס דו האסט יא ווען דו וועסט אנהייבן דאנקען וועסטו זעהן ווי רייך דו ביסט באמת, וויפיל חסדים דער אייבערשטער טוט מיט דיר אויף טריט און שריט.

שכח אייבערשטער אז מיר ווייסן פונעם הייליגן רבי'ן אז מיר קענען לעבן מיט די לימודים פונעם הייליגן רבי'ן. די גאנצע לעבן ווערט איבערגעמאכט דא אין היכל הקודש, א מענטש באקומט א נייער מח, א וועג צו לעבן, א וועג צו טראכטן, אויפזוכן נאר דאס גוטס און זיך מחיה זיין מיט דעם, די לעבן ווערט דאך אזוי לעכטיג אזוי זיס!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

# אזא פרייליכע סעודת שבת געווען דער וואך ביי משפחת שפיטץ פון לעיקוואוד

אלעס אין אייערע הענט!




זכות פרק $1000

זכות $500

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

פארבינדט אייך היינט מיטן גבאי
**מו"ה לייבי ראטה הי"ו**

347 578 4449

*sruliHeskel




*Deadline to advertise Sunday 12:00 PM*

# קלאסיפיידס

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שלמה וויינבערגער הי"ו**
**וזוגתו רחל תחי'**

**צו די חתונה פון א טאכטער למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט.

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

**מו"ה שמואל מרדכי שטערן הי"ו**
**וזוגתו לאה תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין דא אין שטעטל און קענען מחנך זיין די קינדער אויפן רבינ'ס וועג.

For all your software-related needs - set up, automate, maximize.

Contact Moishy Ekstein
845-428-2782

**נאראפאטיגע פרישטאגס**
**פאר קימפעטארינס**
**דעליווערט צום שטוב**

**רופט מרת פינטער**
**347-415-2888**
**אדער מרת שטיינבערג**
**917-387-7838**

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

**מו"ה אשר הכהן ראנד הי"ו**
**וזוגתו חי' ריזל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין דא אין שטעטל און קענען מחנך זיין די קינדער אויפן רבינ'ס וועג.

## קומי קומי המלכה

אוי באשעפער! געענדיגט מיט די היסן, ס'צייט צו טון עפעס אויף למעשה!

רופט אונז שוין פאר אונזער באריאמטע טריפל C קרים. 100% גאראנטירט.

נ.ב. פרעגט זיך נאך ביי אונז, אויף אונזער פילע אנדערע פראדוקטן וואס היילן מיטן אייבערשטנ'ס הילף, Mersa, Skincare, womens health און נאך...

משפחת יחזקאל סאמעט: 347-452-1936
מרת סאמעט: 845-545-8487

## תפילין גמ"ח

**אויב איר געבט בודק צו זיין אייער תפילין, אדער איר האט נישט אייער תפילין מיט אייך, קענט איר אריינרופן בארגן תפילין פאר א טאג צוויי.**

**רופט 917-968-8316**

**לע"נ ר' משה בן ר' דוד ע"ה**

# א מעשה
## פון א צדיק



## צְדָקָה פַארְן רִיכְטִיגְן מֶענְטְשׁ

אין די שטאט פון הייליגן צדיק רבי זושא פון האניפאלי זכותו יגן עלינו האט געוואוינט א פארמעגליכער איד, וואס האט יעדן טאג געברענגט געלט צום צדיק רבי זושא אלס א נדבה, דער איד האט זייער שטארק מצליח געווען אין זיינע געשעפטן, צוליב דעם האט ער יעדן טאג פארן גיין צו זיין ארבעט געברענגט א סכום געלט פאר זיין הייליגער רבי.

איין טאג קומט דער איד אן צום שטוב פון רבי זושא און פרעגט די רעבעצין "וואו איז דער רבי?" האט זי געענטפערט "ער איז געפארן צו זיין רבי דער הייליגער מגיד פון מעזריטש זי"ע", האט ער געפרעגט "דאס הייסט אז מיין רבי האט אויך א רבי?" האט זי געענפערט "יא" האט דער חסיד אנגעהויבן טראכטן אויב ווען איך געב געלט פאר מיין רבי ווער איך אזוי שטארק געהאלפן, איז אוודאי אז איך וועל געבן פאר מיין רבי'ס רבי וועל איך דאך מער ווערן געהאלפן.

האט ער געפרעגט די רעבעצין: "וואו קען איך טרעפן זיין רבי" האט זי געזאגט "אין שטאט מעזריטש". האט דער איד אנגעהויבן כסדר פארן צום מעזריטשער מגיד געבן א שיינע סכום געלט, און פאר רבי זושא האט ער אינגאנצן אויפגעהערט ברענגען נדבות.



למעשה יעדעס מאל ער האט געברענגט געלט פארן מעזריטשער מגיד האט ער פארלוירן געלט. אזוי אז ביז א שטיק צייט איז ער געווארן אן ארימאן און א גרויסע בעל חוב. ביז ער האט אנגעהויבן כאפן אז עפעס טוט זיך דא, איז ער אריין צו זיין רבי זושא און פארשעמטערהייט אנגעהויבן וויינען און געפרעגט: "פארוואס ווען איך האב אייך געגעבן נדבות האב איך שטארק מצליח געווען, און ווען איך האב אנגעהויבן געבן געלט פארן רבי'ס רבי האב איך נאר שאדן געהאט מער און מער, ביז איך בין געווארן אן ארימאן און א גרויסע בעל חוב"?

האט רבי זושא אים געענפערט מיט גרויס ענווה און פשטות: "באמת בין איך גארנישט, נאר ווילאנג דו האסט געברענגט צו מיר די געלט, האט מען געזאגט אין הימל: אהה! דו געבסט אפילו פאר אזא גארנישט ווי מיר, וועט מען פאר דיר אויך געבן, אבער ווי נאר דו האסט אנגעהויבן מאכן חשבונות אז דו ווילסט געבן פאר דער גרעסטער, דו ווילסט דוקא געבן פאר א גרויסע רבי, האט מען אין הימל אויך אנגעהויבן מאכן חשבונות אויב דו ביסט בכלל ראוי צו באקומען געלט, אפשר דארף מען געבן פאר איינער וואס איז גרעסער ווי דיר".

ווען דער חסיד האט דאס געהערט האט ער צוריק אנגעהויבן געבן געלט פאר רבי זושא און ער איז צוריק געווארן גאר א גרויסע גביר.

האט מוהרא"ש מסביר געווען באמת ווייסט נישט א מענטש פאר וועם עס איז ראוי צו געבן צדקה און פארוועם נישט, ווייל עס קען זיין איינער וואס דו טראכסט ער איז ראוי און באמת איז ער נישט, און אויף איינער וואס דו טראכסט ער איז נישט ראוי, און באמת איז ער יא, איז וואס איז די עצה!? געב כאטש עפעס אפילו אביסל פאר א מענטש וואס בעט דיר געלט, ער זאל נישט אוועק גיין פארשעמטערהייט.

און אויב דו מאכסט דרישות און חקירת אויף א איד און דו בעטסט אים נאך אן המלצה, קען מען אויבן אין הימל מאכן דרישות און חקירות אויף דיר, צו ביסט ראוי צו באקומען השפעות טובות.

האט מוהרא"ש אויסגעפירט: דער עיקר דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל נישט פארשעמען אן עני, און וועלכע סכום דו געבסט זאל עס זיין מיט גרויס כבוד.

(שיחות מוהרא"ש חלק א' ערך צדקה)

# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע



צ"ז

## פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

ראֹשׁ הַשָּׁנָה תקס"ג, רֶבִּי נָתָן קוּמְט אוֹיף ראֹשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.
נָאךְ ראֹשׁ הַשָּׁנָה הָאט רֶבִּי נָתָן בַּאשְׁלָאסְן צוּ בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן כָאטְשׁ בִּיז נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר.
דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעהֵייסְן דֶעמָאלְט טוּן פַארְשִׁידֶענֶע סְפֶּעצִיעֶלֶע הַנְהָגוֹת.

דֶער נֵייעֶר אַנְטְפְּלֶעקוּנְג וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט דַאן גֶעהֶערְט צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל, אַז מְ'קֶען מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז מְ'קֶען זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַזוֹי וִוי מְ'רֶעדְט מִיט אַ נָאנְטֶער חַבֵר, מִיט דֶעם הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר שְׁטַארְק מְקַרֵב גֶעוֶועְן רֶבִּי נָתָן. קַיין שוּם זַאךְ הָאט אִים נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעכַאפְּט ווִי דֶעם, וִוי נָאר עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי נֵייעֶ עֵצָה, הָאט דָאס זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיפְגֶעפְלַאמְט זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּנֶעם רֶבִּי'ן אִיז עֶר אַרַיין אִין דִי גְרוֹיסֶע שוּל, וָואס אִיז דַאן גֶעוֶועְן לֵיידִיג פוּן מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶר הָאט עֶס אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טוּן, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאט זַיין הַארְץ אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ צִיעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַמָשׁ בִּיז כְּלוֹת הַנֶפֶשׁ.

ו' תִּשְׁרֵי, שַׁבָּת שׁוּבָה, פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ, בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת, הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְלַהֲבוּת דֶעם פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל א', כ"ו) "וְעַל דְּמוּת הַכִּסֵּא דְּמוּת כְּמַרְאֵה אָדָם עָלָיו מִלְמָעְלָה", עֶר הָאט דֶעמָאלְט אָנְגֶעכַאפְּט מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע הֶענְט דִי צְוֵויי הֶענְטְלֶעךְ פוּן זַיין בֶּענְקְל אוֹיף וָואס עֶר אִיז גֶעזֶעסְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעשָׁאקְלְט מִיטְ'ן בֶּענְקְל, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ, בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה, "אַז מֶען זִיצְט אוֹיף דֶעם שְׁטוּל, דֶעמָאלְט אִיז מֶען אַ מֶענְטְשׁ". [עֶס לִיגְט אִין דֶעם גָאר בַּאהַאלְטֶענֶע סוֹדוֹת, זֶע אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תַזְרִיעַ מ"ח.)].

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק קְרָא אֶת יְהוֹשֻׁעַ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ו'), דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פָּארְכְטִיגֶע תּוֹרָה, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים דַאן מְרַמֵז גֶעוֶועְן וִוי אַזוֹי מְ'דַארְף לֵיידְן בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכַת דָמִים אֵיידֶער מְ'אִיז זוֹכֶה מְקַבֵּל צוּ זַיין פוּן דִי נְקוּדָה הָעֶלְיוֹנָה, וָואס דָאס אִיז דֶער צַדִיק. אוּן דֶער עִיקָר אִיז אָפְּצוּשְׁוַוייגְן אוֹיף דִי אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת, גָארְנִישְׁט צוּרִיק צוּ עֶנְטְפֶערְן.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, נָאךְ הַבְדָלָה, אִיז גֶעוֶועְן בַּיים רֶבִּי'ן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, צְווִישְׁן זֵיי אוֹיךְ ר' יוּדְל, אוּן נָאךְ חָשׁוּבֶע עֶלְטֶערֶע אִידְן, וָואס זֵיי פְלֶעגְן דַאוֶוענֶען אִין אַ סִידוּר הָאֲרִיזַ"ל.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי, "זָאגְט מִיר וִוי אַזוֹי סְ'אִיז מְרוּמָז אִין דִי תּוֹרָה, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת, אַלֶע כַּוָונוֹת פוּן אֱלוּל!". זֵיי זֶענֶען שְׁטִיל גֶעבְּלִיבְּן אוּן גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, וֵוייל בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַלֵיין צוּ פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי עֶס אִיז מְרוּמָז אִין דִי תּוֹרָה דִי כַּוָונוֹת פוּן אֱלוּל.

דֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶעהֵייסְן מְ'זָאל אִים בְּרֶענְגֶען אַ סִידוּר הָאֲרִיזַ"ל, עֶר הָאט עֶס גֶעעֶפְנְט אוּן זֵיי גֶעוִויזְן דִי כַּוָונוֹת פוּן אֱלוּל, אוּן דַאן הָאט עֶר זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן מְגַלֶה זַיין וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן וִוי אַזוֹי אַלֶע כַּוָונוֹת פוּן אֱלוּל זֶענֶען מְרוּמָז אִין דִי תּוֹרָה אוֹיף אַ מוֹרָא'דִיגֶע וֶועג, אַזוֹי וִוי סְ'אִיז גֶעדְרוּקְט דָארְט נָאךְ דִי תּוֹרָה.

סְ'אִיז אָבֶּער נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַרָאפְּצוּשְׁרַייבְּן אוֹיף פַּאפִּיר דָאס וָואס דִי אָנְוֶועזְנְדֶע הָאבְּן גֶעפִילְט אִין הַארְץ בְּשַׁעַת דֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶערֶעדְט. דִי זִיסְקֵייט, דִי גֶעשְׁמַאק, אוּן דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע גֶעפִיל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט דָארְט אִין צִימֶער.

**וָואס הָאט זִיךְ וַוייטֶער אָפְּגֶעשְׁפִּילְט?**
**לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה**

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו



# הפצה ווינקל

## בריוו פונעם ראש ישיבה

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת קדושים, כ"ט ניסן, י"ד לעומר, שנת תשפ"ד לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר

די ישיבה האט זיך צוריק אנגעהויבן מיט א פרישקייט, און איך דאנק דעם אייבערשטן אז ער געבט מיר די זכיה צו זיצן נאך א זמן מיט בחורים, לערנען מיט זיי תורה און לערנען מיט זיי די חיזוק פון הייליגן רבי'ן, און איך בעט דעם אייבערשטן ער זאל מיר געבן כח ממשיך צו זיין מיט דעם מיין גאנץ לעבן.

זיי עוסק אין הפצה, מיט דעם וועסטו פאררעכטן אלע פגמים. דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות אות ניאוף, סימן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", ווער עס וויל פאררעכטן זיינע עבירות זאל צוריק ברענגען מענטשן צום אייבערשטן; זאלסטו יעדן טאג עוסק זיין אין די הייליגע עבודה פון הפצה, ווייל עס איז נישט דא קיין גרעסערע זאך ביים אייבערשטן ווי הפצה.

דער הייליגער זוהר זאגט (תרומה קכח:) "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתְּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קום און זע: א מענטש וואס ברענגט צוריק זינדיגע מענטשן צום אייבערשטן, "אִיהוּ אִסְתַּלַּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא", דער מענטש איז זוכה ארויף צו גיין אויף א פלאץ וואס קיין שום מענטש איז נישט זוכה; "גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דער מענטש נעמט אוועק טומאה פון די וועלט און ער מאכט אז דעם אייבערשטנ'ס נאמען זאל ווערן געהייליגט אויף דער וועלט, דער מענטש איז גורם אז אלע וועלטן שטייען אויף זיין זכות. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", ער איז זוכה צו זען קינדער און אייניקלעך, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", ער איז זוכה צו אלע גוטע זאכן אויף די וועלט און אויף יענע וועלט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קיינער קען אים נישט שלעכטס טון - נישט אויף די וועלט און נישט אויף יענע וועלט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", ער גייט אריין אין דרייצן טויערן פון שערי רחמים, און קיינער קען אים נישט צוריק האלטן.

מתן שכרה בצדה, די וואס זענען עוסק אין הפצה האבן גרויס שפע.

וועגן ל"ג בעומר ווייס איך נאכנישט וואס איך טו, ווייל זיי זאגן אז זיי גייען פארשפארן מירון, איך בעט דעם אייבערשטן איך זאל וויסן וואס צו טון.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## ישועות אשר בנחל

אין מאנסי וואוינט א חשובער איד מו"ה פ. נ. הי"ו וועלכער האט זוכה געווען מיט א צייט צוריק צו טרעפן איינע פון די חשובע מפיצים הי"ו און אזוי ארום האט ער זיך באקענט מיט היכל הקודש און די אלע זיסע עצות וואס דער הייליגער רבי לערנט אונז.

ער האט אנגעהויבן צו הערן די שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א, ער האט זיך געמאכט שיעורים אין חומש, משניות און גמרא, און האט אנגעהויבן צו לעבן מיט די אלע לימודים וואס דער ראש ישיבה פאדערט פון אונז. ער האט זיך געמאכט א שיעור אין דעם הייליגע ספר אשר בנחל וואס האט אים ממש געטוישט זיין לעבן.

פאר פרנסה איז ער עוסק אין ריעל עסטעיט, ער פארמאגט עטליכע דירות אין די אידישע מאנסי וואס ער צאלט דערויף א גרויסן אפותיקי פאר מארטגעדזש, און די איינוואוינער - היימישע חשוב'ע אידן - צאלן אים רענט, וואס דערפון לייזט ער אויף צו שפייזן זיין משפחה.

אין איינע פון זיינע בנינים אויף די אויבערשטע שטאק האט געוואוינט א טענענט וואס שלעפט נעבעך מיט זיין גאנצע עבר מיט זיך, ווי מען וואלט אים גערופן א "שווערע מענטש", די אנדערע שכנים האבן זיך כסדר אפגערעדט אז מען קען נישט וואוינען אין איין בנין מיט אים - דער לענדלארד האט פראבירט צו רעדן שיין צו יענעם ער זאל זיך צושטעלן און זיך דורכקומען מיט זיינע שכנים, אבער איר קענט דעם איד וואס איז הונדערט פראצענט גערעכט?

פון אים רעדט מען... און דער בעל הבית איז אובד עצות, ארויסווארפן א איד איז נישט קיין אפציע, אבער ווען איין שכן נאכן צווייטן האבן אנגעהויבן ארויס צו מופן, האט ער געכאפט אז עס איז צרות, ער דארף טרעפן אן עצה

זיך אנגארטלענדיג מיט אמונת צדיקים האט ר' פ. נ. אנגערופן ר' לייבי און אים געזאגט אז ער וועט אים יעצט געבן $500 פאר אשר בנחל, און ער וועט מתפלל זיין אז אין דעם זכות זאל דער אייבערשטער אים העלפן - וויאזוי? דעם אייבערשטן דארף מען נישט געבן קיין עצות. ביז עטליכע טעג שפעטער רופט אים דער טענענט אן אזוי מסיח לפי תומו, אז ער פלאנט אוועק צו מופן פון מאנסי, און זיין דירה וועט ווערן בקרוב ליידיג, און מיט בלויז עטליכע וואכן שפעטער איז דער טענענט געווען אינדרויסן, און עס האט זיך צוריק געקערט די שלום ושלוה אין יענעם בנין.

**כאפט אריין ישועות און רפואות, רופט אן דעם גבאי מו"ה לייבי ראטה הי"ו אויף 347-578-4449, און זייט מנדב פאר אשר בנחל, און זייט זוכה צו געניסן פון די "הבטחה" וואס מוהרא"ש זי"ע האט צוגעזאגט, אז ווער עס וועט מנדב זיין פאר אשר בנחל וועט זען זיכערע ישועות.**

**צו איבערלאזן אייער פערזענליכע ישועה פון אשר בנחל רופט: 347-578-4449**

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

קאל, טעקסט: 718.387.2691

email: subscribe@kerenhadfusa.org

# נייעס פון קרן הדפסה

## ערשטע באנד פונעם חינוך ספר ״ותחיין את הילדים״ גייט שוין אט צום דרוק

בעזרת ה׳ גרייט מען זיך אין ״קרן הדפסה היכל הקודש״ צו ארויסקומען מיט די ערשטע באנד פון די סעריע ספרים אויף חינוך וואס וועט טראגן דעם פאסיגן נאמען ״ותחיין את הילדים״, וואס איז כשמו כן הוא, עצות און חיזוק צו געבן לעבן פאר אונזערע קינדער, די חשוב׳סטע זאך וואס מיר פארמאגן זענען די קומענדיגע דורות, א לעבן ברוחניות, זיי זאלן ליב האבן דעם אויבערשטן, ליב האבן תורה ומצות, ליב האבן יעדן איד, און לעבן בגשמיות זיי זאלן זיין געזונט פיזיש און גייסטיש, זעלבסט זיכער, צופרידן, און לעבן א פראדוקטיוו לעבן.

דער ספר איז באזירט אויף די בארימטע שיעורי חינוך וואס דער ראש ישיבה שליט״א געבט כסדר פאר עלטערן און מחנכים, וואס טייל זענען שוין ארויס לאור עולם דורך די וועכענטליכע ״שיעורי חינוך״ גליונות וואס די וועלט שלינגט מיט דורשט.

דאס איז באקאנט אז דער ראש ישיבה שליט״א נעמט די אלע עצות נאר פון ערליכע ריינע מקורות, פון די תורה, פון חז״ל, און פון די פריערדיגע צדיקים, וואס זיי האבן אראפ געשטעלט א וועג וויאזוי מען קען אין די היינטיגע דורות אויפציען קינדער וואס זאלן זיין געטריי צום אייבערשטן, און דאס ווילן אלע די זעלבע זאך. און דערפאר זעט מען אז די שיעורי חינוך פונעם ראש ישיבה שליט״א זענען פאפולער אין אלע קרייזן און שיכטן, ווייל אלע ווילן הצלחה אין חינוך.

קרן הדפסה האט ארייגעלייגט צענדליגע טויזנטער דאלער אין דעם פראיעקט, און אויפגענומען פראפעסיאנאלע ערפארענע שרייבער און מגיהים יראי השם פון אנשי שלומינו. און ברוך השם זיי האבן מצליח געווען און מיט גרויס סייעתא דשמיא איז ארויסגעקומען א ספר העכער אלע ערווארטונגען, א הערליכע געשמאקע ספר וואס לייגט זיך פליסיג כשלחן הערוך ומוכן לאכול, און עס ברענגט ארויס קלאר די עצות און חיזוק וואס איז גרייט מען זאל דאס אויספירן טאג טעגליך הלכה למעשה.

עס קומט א גרויסע ישר כח פאר די פילע וואס האבן צוגעהאלפן בטירחא ובממון, פאר הר״ר אהרן שלעזינגער שליט״א מיט זיינע חשובע שותפים די שטאב וואס האבן געשריבן, אויסגעשטעלט, מגיה געווען, און אלעס געטון מיטן גאנצן הארץ, זיך אוועקגעגעבן טעג און נעכט פאר די הצלחה פון דעם ספר. און פאר הר״ר אהרן וועבערמאן שליט״א וואס האט אפגעקויפט דעם ״זכות מהדורה״, לע״נ זיין אומפארגעסליכן שווער הרה״ח ר׳ מנחם מענדל בן הר״ר יהושע ווייס ז״ל וואס איז נישט לאנג צוריק אוועק פון דער וועלט, און וועט דערפאר טראגן מיט שטאלץ דעם נאמען ״מהדורת וועבערמאן.״

מ׳קען נאך האבן די זכיה איינצוקויפן זכותים נצחיים אין דעם הייליגן ספר וואס אנטשפרעכט צו ראטעווען דורות, און אוועקשטעלן אידישע שטובער אויף שטארקע און קראנטע יסודות, וואס דער זכות איז אומשאצבאר. מ׳קען קויפן די זכות פון א פרק פאר טויזנט דאלער, נאר נאך עטליכע פרקים זענען נאך אוועילעבל, צום וויניגסטנס זאל מען קויפן א זכות אינעם ספר, וואס ווערט פארקויפט פאר בלויז $500.

**רופט שוין דעם גבאי מו״ה לייבי ראטה הי״ו 347-578-4449 זיך אנצושליסן אינעם פראיעקט מען זאל קענען ארויסגעבן בקרוב דעם ספר וואס וועט באלייכטן די וועלט.**

# בילדער פון קרן הדפסה



מען ארבעט אויף די נייע ספר ״ותחיין את הילדים״



פריש איבערגעדרוקט קונטרס ״סדר דרך הלימוד״ אויף ענגליש



פילע ענגליש קונטרסים איבערגעדרוקט


**אלו יעמדו על הברכה**

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז״ל די וואך

**עלי מזרחי**
קרית ברסלב

**ישראל קרויס**
וויליאמסבורג

**יואל הכהן ראזענבערג**
קרית יואל

**עמרם רייכמאן**
לעיקוואד

**בניהו אונגאר**
קרית ברסלב

**יחזקאל זיגלער**
בארא פארק

**דוד טשינגל**
וויליאמסבורג

**יואל אפענהיים**
קרית ברסלב

**בנימין פאללמאן**
לעיקוואד

**אפרים פעלדמאן**
בארא פארק

**יצחק אייזיק ראטה**
קרית ברסלב

**דוד הערש קליינמאן**
קרית טאהש

צו מנדב זיין:

phone: 718.387.2691 103# | email:donate@kerenhadfusa.org | Message: 347.578.4449

# די קינדער פון משפחת גליק פון בארא פארק קענען שוין קויםווארטן אהיימצוגיין

אלעס אין אייער נדבות!




זכות פרק $1000

זכות $500

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

פארבינדט אייך היינט מיטן גבאי **מו"ה לייבי ראטה הי"ו**

347 578 4449



*sruliHeskel




## א שמחת תורה צום געדענקן

שמחת תורה ביים ראש ישיבה איז עפעס וואס 'אדער האט מען עס בייגעוואוינט און מען דארף עס נישט מסביר זיין', אדער 'וועלן ווערטער נישט מצליח זיין אפצומאלן א ריכטיגע בילד און מען קען עס נישט מסביר זיין.'

דאס יאר האב איך צום ערשטן מאל זוכה געווען מיטצוהאלטן דעם דערהויבענעם יום טוב שמחת תורה במחיצות דער ראש ישיבה שליט"א, און אצינד שטייענדיג איבער א חודש שפעטער טאנצט נאך אין די נשמה די אפקלאנג פון די דערהויבענע פרייליכע ריקודים.

איך האב מיטגעהאלטן א חידוש וואס איך האב קיינמאל פריער נישט געזען. דער עולם איז געווען "שיכור פון פרייד", מלא שמחה, אויפגעהייטערט און פרייליך אן קיין איין טראפ אלקאהאל. עס איז געווען ריין "שמחת התורה!" איך האב אזא מעמד נאך קיינמאל נישט בייגעוואוינט. ווייזט אויס אז די אונגערישע ווייז איז פון די שטארקע סארט...

צום שלוס פונעם הערליכן יום טוב האב איך זוכה געווען צו עסן א סעודה פרייטאג צונאכטס פרשת בראשית תשפ"ה ביים ראש ישיבה.

איך האב זיך געוואונדערט וויאזוי די סעודה וועט אויסזען. מען האלט דאך ביים דריטן טאג יום טוב און דער ראש ישיבה האלט דאך נאכ'ן אראפלייגן אזא עבודה וואס "מי שלא ראה עבודה זו מימיו.... האט נאך קיין עבודה שמחת תורה נישט בייגעוואוינט." און איך קלער צו זיך אויב דער ראש ישיבה וועט האבן די פיזישע כוחות אנצוגיין מיט א סעודה און א באטע.

ווען דער ראש ישיבה איז אהיימגעקומען פון שול, בין איך געשטאנען און געקוקט אויף די רואיגקייט, פרישקייט און שמחה, ממש עד להפליא. עס האט זיך געדאכט אז עס איז א פרישע שבת, אויף וואס מען האט זעקס טאג געווארט...

עס האט מיר דערמאנט וואס איך פלעג הערן פון די עלטערע סאטמארע חסידים, ווען זיי פלעגן דערציילן ווי דער סאטמארע רבי זי"ע פלעגט אין אזא יאר (3 טאג יום טוב) אריינקומען נאכ'ן אראפלייגן אזא עבודה פון שמחת תורה. זיי פלעגן רעדן מיט עקסטאז אז מען האט בכלל נישט געזען אויפ'ן רבי'ן אז מען האלט נאך די עבודה פון הקפות... (וואס כידוע האט דער סאטמארער רבי זי"ע אריינגעלייגט א גרויסע עבודה שמחת תורה).

אט דאס האב איך בייגעוואוינט דעם שבת. ווען נישט דאס וואס מיינע אייגענע פיס און אויגן דערמאנען מיר פון די מידעקייט פון די לעצטע פאר טעג, וואלט איך בכלל נישט געוואוסט אז עס איז געווען הקפות היינט אינדערפרי. די אטמאספער איז געווען זייער בניחותא. מען האט געשפירט "מנוחה ושמחה" אין דער לופט.

## שבת'דיגע עסן

דער ראש ישיבה האט זיך אראפגעזעצט און תיכף אנגעהויבן זמירות, מיט אלע קינדער ארום. אזויווי דער ראש ישיבה'ס ווייב איז געווען פארנומען אין קאך האט דער ראש ישיבה אויסגעזינגען די זמירות מיט א רואיגקייט און א געשמאק.

דער ראש ישיבה שמעקט יעדע וואך הדסים און דערמאנט כסדר פאר די קינדער אז דאס שמעקט מען אלס א סגולה פאר ערליכע קינדער. די וואך אבער איז די הדסים שוין געווען פארטריקענט, ווייל עס איז נאך געווען פון ערב סוכות, ממילא האט דער ראש ישיבה געבעטן מען זאל אריינברענגען בשמים און געוויזן פאר די קינדער אז די ברכה איז אביסל אנדערש ווי יעדע וואך.

נאך קידוש האט מען זיך געוואשן און געזעצט צו די סעודה. דער ראש ישיבה האט אויפגעמערקט אז שבת האט די עסן אן אנדערע טעם ווי יום טוב. און אויך צוגעלייגט אז אפילו מען האט שוין געגעסן אזויפיל סעודות מיט די זעלבע עסן, האט עס יעדעס מאל אלע טעמים, ממש א מחי'. די אטמאספערע ביים טיש איז זייער אנגענעם, פריילך, פרידליך און לייכט אבער אין די זעלבע צייט מיט א שטארקע דרך ארץ און כבוד שבת.

## וועלכע שחיטה צו עסן

אינמיטן די סעודה איז מען אריין אין א שמועס וועגן שחיטה. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז אין א בריוו פון מוהרא"ש ז"ע שרייבט ער אז מען זאל עסן "סאטמאר פלייש."

איינער האט געפרעגט דער ראש ישיבה אויב עס איז אמת אז מוהרא"ש האט געגעסן פון די בעלזא שחיטה. האט דער ראש ישיבה האט "א שטיק צייט איז אזוי געווען." דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז מוהרא"ש האט א שטיק צייט בכלל נישט געגעסן קיין פלייש חוץ שבת, נאר שפעטער נאך זיין הארץ אטאקע ווען דער דאקטער האט אים געהייסן עסן פאר זיין געזונט האט ער אנגעהויבן עסן פלייש.

דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז אויך ער עסט נישט קיין פלייש א גאנצע וואך 'ווייל עס קומט אים נישט אויס.' אבער לכבוד שבת עסט מען יא.

אויך האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער עסט נישט קיין פלייש אינדרויסן פון שטוב, חוץ אויב ער איז אין א זאל וואס האט סאטמאר פלייש.

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז איציק האט אים געמאכט א ווערטל דעם יום טוב און יעדעס מאל ער הערט עס איבער האט ער נאכאמאל הנאה.

איציק האט אראפגעלייגט א חזנות שטיקל וואס ברענגט ארויס די רחמנות פון א חזן אויב ער קען נישט קיין פירוש המילות, ער האט אנגעהויבן: "ואהבתך אל תסיר...." און די קינדער האבן אונטערגעברומט "תסיר.... תסיר... תסיר..." דערנאך האט ער חזנות'ט והוא רחום יכפר עוון ולא ישחית און די קאפעלע האט געזאגט ישחית... ישחית... ישחית... אזוי ווייטער נאך אפאר שטיקלעך.... דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן "אזא פנים האבן די בעלי מנגנים וואס קענען נישט קיין טייטש", אלע קינדער האבן געלאכט.

## מנהג ישראל תורה

אזויוי מען האט אנגעהויבן די סעודה אביסל שפעט און מענטשן האבן שוין געוואלט ארויפקומען צום באטע האט מען צוגעאיילט די סעודה. סוף סעודה האט מען אריינגעברענגט קינדלך וואס איינע פון אנשי שלומינו האבן ארויפגעשיקט. דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרייט צו איינע פון די געסט און אים געפרעגט "האסט געגעסן קינדל דעם יום טוב?" ווען דער גאסט האט געזאגט אז נישט, האט דער ראש ישיבה געוויזן מיט די הענט, "היתכן? פארוואס האלסטו נישט אן א מנהג?"

דער גאסט האט שפעטער דערציילט אז דאס איז אים געווען א גרויסע וואונדער, ווייל זייענדיג צוגאסט אויף יום טוב האט ער פארזען די קינדל. ערב יום טוב האט ער זיך געכאפט אז ער האט נישט קיין קינדל און געטראכט צו זיך אויב עס איז ווערד צו פארברענגען יעצט צייט צו שאפן א שטיקל קינדל און באשלאסן "נישט געפערליך. וועט נישט זיין." און אצינד האט ער באקומען א וואונק אז "מנהג ישראל תורה."

## ער הערט אויך די שיעורים

ביי די סעודה זענען געווען קינדער וואס לערנען דערווייל נישט אין ברסלב'ע מוסדות, דער ראש ישיבה האט געגעבן א פרעג איינע פון די קינדער "ווער וועט זיין דיין מלמד קומענדיגע יאר? א .... חסיד? (דער ראש ישיבה האט געפרעגט די נאמען פון א חסידות וואס האט א שטארקע התנגדות צו ברסלב, דער ברודער פון דעם אינגל האט געהאט א מלמד די פארגאנגענע יאר פון די חסידות, און מען האט געהעצט קעגן רבי'ן בכלל און היכל הקודש בפרט).

האט זיך דאס קינד אנגערופן, "ניין. קומענדיגע יאר האב איך א מלמד א .... חסיד, אויך א חסידות וואס איז נישט אזוי ווארעם צו ברסלב. האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן: "מען קען נישט וויסן, אפשר הערט ער שטילערהייט אויס די שיעורים? וואס ווייסטו? אלע הערן שטילערהייט אויס די שיעורים."

ביי די סעודה האט דער ראש ישיבה געוויזן אויף איינע פון די געסט וואס זיין שווער איז א משפיע אין אלגעמיין ברסלב און געזאגט אז ווען א איד קומט זיך שואל עצה זיין מיט זיין שווער, נעמט זיין שווער ארויס אן עצתו אמונה און קוקט אריין דערין, און פון דארטן ווייסט ער וויאזוי צו ענטפערן, פון דארטן שעפט ער זיין חיות. דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט: "און נאכדעם גייט א בחור אריבער די "קלויז" און האט חלישות הדעת, און טראכט 'אפשר איז דאס די עכטע ברסלב?...' ווען אין די צייט נעמען זיי אויך עצות און חיזוק פון היכל הקודש." דער ראש ישיבה האט דאס איבערגעזאגט אפאר מאל.

> "פארן אויך א פליגער און זינגען ניגונים מיט שטארקע תנועות איז נישט קיין סימן פון ד ב י ק ו ת. מען קען זיך שאקלען מיט התלהבות און טראכטן פון שאקאלאד."

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז עס איז דא א שיחה פון רבי נחמן טולטשינער וואס ווי באוויסט האבן אסאך געקריגט אויף אים ווייל ער איז נישט געווען אזוי שטארק עובד'יש ווי זיי, פלעגט ער זאגן "עובדים זענען זיי, אבער ווען זיי דארפן אן עצה קומען זיי צו מיר."

## וואס איז דביקות בה'?

דער ראש ישיבה האט נאכדערציילט אז איינער פון אנשי שלומינו א גרויסער תלמיד חכם האט געזאגט מיט התפעלות פאר'ן ראש ישיבה אז איינער האט אים געוויזן וויאזוי א גרויסע משפיע פארט אויף א פריוואטע פליגער און ער איז מלא דביקות און זינגט א ניגון א לענגערע תקופה און מען זעט ממש ווי עס איז עפעס העכערס...

דער ראש ישיבה האט נאכגעמאכט די

תנועות מיט'ן ניגון און זיך דאן אנגערופן: "פארן אויף א פליגער און זינגען ניגונים מיט שטארקע תנועות איז נישט קיין סימן פון דביקות. מען קען זיך שאקלען מיט התלהבות און טראכטן פון שאקאלאד."

דער עולם האט זיך צושמייכלט און דער ראש ישיבה האט זיך אפגעשעטלט זאגנדיג אז ער מאכט נישט ח"ו ליצנות פון ערליכע אידן, מען זאל נישט ארויסנעמען פון די שמועס אז ער מאכט אוועק דעם און יענעם, נאר תנועות איז נישט קיין סימן פון דביקות בה'. דער רבי זאגט דאך שוין אז אן ערליכער איד קען מען נישט דערקענען פון אינדרויסן און עס דאכט זיך אז דער צדיק האט די זעלבע קישקעס ווי א צווייטן.

איינער פון געסט האבן געפרעגט, "וואס איז יא דביקות בה'?" האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: "אז מען היסט און מען היסט און מען האט נישט קיין קשיות." (דער ראש ישיבה האט זייער אסאך געהיסט דעם יום טוב), און אז עס גייט אריבער אויף א מענטש שווערע צייטן, עס איז אים שווער די פרנסה, עס איז אים ענג דאס לעבן און דאך לאזט ער נישט אפ דעם אייבערשטן און האט נישט טענות, דאס איז דביקות."

## ווען משיח וועט קומען

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן אז ער האט געהערט פון א "ברסלב'ער איד" וואס וועט זיין ווען משיח וועט קומען? וויאזוי וועלן די ברסלב'ע אידן אנטקעגן גיין משיח? וואס וועלן זיי לויפן זאגן פאר משיח? א ברסלב'ער חסיד וועט אנטקעגן לויפן משיח און אים בעטן, "משיח איך דארף אן עצה צו זיין ערליך. איך וויל אזוי שטארק זיין גוט. איך וויל זיין דבוק אין אייבערשטן."

דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז ער האט אמאל געזען אין בית המדרש ווי א איד זאגט פאר זיין חבר, "אויב משיח קומט אן, בייג איך זיך אראפ הינטער דיר און איך באהאלט זיך, איך וועל דיר נאכגיין." ווייל מען מוז דאך גיין, מען קען נישט דא בלייבן, אבער פון די צווייטע זייט, ציטערט ער "וואס וועט זיין??"

דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט "וואס וועט טאקע זיין ווען משיח וועט קומען?" אידן וועלן קומען דערציילן זייערע פראבלעמען און זאגן "משיח - איך דארף אן עצה, איך לייד אויף שרעקליכע ענזייטי'."

משיח וועט זאגן - דער ראש ישיבה האט דאס אראפגעלייגט זייער געשמאק פאר די קינדער און גרויסע צוגלייך - (מיט אן 'עובדישע' קול) "משיח איך לייד פון פחדים. פון DCO...." "בעט דעם אייבערשטן." משיח איך האב נישט פרנסה. "בעט דעם אייבערשטן..." און אזוי ווייטער. משיח וועט אריינברענגען די עצות פון רבי'ן אין די וועלט, נאר דאן וועט שוין נישט זיין קיין בחירה.

## מ'קען תשובה טוהן

דערנאך האט דער ראש ישיבה אביסל ארומגערעדט פון די פרשה. מען האט ארומגערעדט פון די נקודה אז אדם האט זיך נישט געהאלטן אין גן עדן ווייל ער האט נישט געהאט קיין חבר מיט וועמען זיך צו מחזק זיין. דער ראש ישיבה האט געבעטן איינע פון בחורים ארויפצוברענגען פון בית המדרש א נ"ך דברי הימים (פרק כ"ח, פסוק ל"ג) און געוויזן פאר'ן עולם א שטיקל וואו עס שטייט פון דוד המלך וואו ער רעכנט אויס אלע זיינע הערן, און איינע פון די מלך'ס לייט איז געווען חושי הארכי דער פסוק זאגט ער איז געווען רע המלך דוד'ס פריינד.

ברענגט רש"י א מדרש אז ווען דוד האט געזינדיגט מיט בת שבע האט ער געפרעגט חושי הארכי אז אויב ער וועט תשובה טון, וועט דער אייבערשטער מקבל זיין די תשובה? האט אים חושי הארכי געענטפערט "יא."

האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט, "דאס מיינט א חבר, ער זאגט דיר אז מען קען תשובה טון".

אויך האט דער ראש ישיבה גערעדט פון די מדרש אז נאכ'ן חטא האט זיך אדם הראשון ארומגעדרייט 031 יאר און דורכגעפאלן אין עבירות רחמנא לצלן, ווייל ער האט נישט געוואוסט אז מען קען תשובה טון. נאך אזא לאנגע תקופה האט ער אנגעטראפן זיין זון קַיִן און אים געפרעגט, "וואס איז געבליבן מיט דיר מיט דיין פרשה?" האט אים קין געזאגט "איך האב תשובה געטון און דער אייבערשטער האט מיר מוחל געווען."

האט זיך אדם הראשון געפאטשט אין פנים און געזאגט "מזמור שיר ליום השבת, טוב להודות לה', עס איז גוט מודה צו זיין צום אייבערשטן..." ער האט נישט געוואוסט אז מען קען תשובה טון.

## לשון הרע אויף היכל הקודש

א גאסט האט דערציילט אז א חבר האט אים גערופן נאכ'ן זיין אין אומאן צום ערשטן מאל מיט שפאט, "ביז דארט ביסטו געפאלן? ביז היכל הקודש ביסטו אנגעקומען? איך האב געקלערט אז דו ביסט קלוגער." דער איד האט דערציילט ביי וועלכע משפיע זיין חבר דרייט זיך און דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט, אז דער משפיע האט אים אמאל געטראפן אין גאס און אים אנגעכאפט דעם באהרד און געפרעגט: "וויאזוי איז דיר די באהרד נאך אזוי שווארץ נאך אזויפיל רדיפות?" דער ראש ישיבה האט געזאגט מיט א

# סעודה מיטן ראש ישיבה

שמייכל אז געוויסע זאגן אז ער "דייט" (פארבט) זיך די באהרד, אנדערש איז נישט מעגליך אז די באהרד זאל אים בלייבן אזוי שווארץ.

דער ראש ישיבה האט זיך פארטראכט זאגענדיג "וויפיל מען רעדט צוזאם אויף היכל הקודש." א קינד וואס איז דארט געווען האט שעמעוודיג צוגעלייגט וואס זיינע חברים אין חדר זאגן אים אויף די פלאץ, כל מיני נארישקייטן. דאס האט נאכדעם אריינגעפירט אין א שיינע שמועס פון די זכרונות פון בימים ההם, פון די ערשטע יארן פון דער ראש ישיבה'ס התקרבות, געפלאכטן מיט הדרכה און חיזוק.

## מנהג ישראל תורה

דער ראש ישיבה האט דערציילט לזכרון טוב פון הרב רבי חיים מערץ זצ"ל וואס האט זיי ארויסגעדינגען זיין בית המדרש. דער ראש ישיבה האט דערציילט אז די גבאים האבן זיי געהאט געזאגט אז זיי וועלן בשום אופן נישט קענען באקומען דאס פלאץ, ווייל דער רב דינגט עס נישט אויס פאר קיינעם און עס איז נישטא פון וואס צו רעדן, חוץ אויב דער רב וועט מסכים זיין, דאן קענען זיי עס באקומען.

דאך האבן זיי זיך געבעטן אז זיי ווילן רעדן צום רב. ר' חיים איז געווען א מענטש וואס האט ווייניג גערעדט. ווען אפאר אינגעלייט פון די חבורה זענען אריין, האבן זיי געזאגט פאר'ן רב אז זיי האבן א חבורה פון ברסלב'ע אינגעלייט וואו קיינער גייט נישט שלאפן אן א בלאט גמרא און משניות און אזוי אויך אן מעביר סדרה זיין. דער רב האט דאס זייער מפליא געווען און געגעבן זיין הסכמה ארויסצודינגען די שול פאר זיי.

דארט האט היכל הקודש געהאט א מקום מנוחה פאר א תקופה. דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז עס איז געווען אן אפמאך אז שמחת תורה דארפן זיי ארויסגיין ווייל מען דארף די פלאץ פאר די ווייבער שול. עס איז געווען דארט א איד וואס איז אריינגעקומען דארט שמחת תורה און געזען אז עס איז נאך דא אנשי שלומינו וואס ניצן דעם פלאץ צו לערנען שיעורים כסדרן,

האט ער בידיים ארויסגעשטופט און געשלאגן די אינגעלייט. דער ראש ישיבה האט דערציילט אז דער איד איז געווען א געזונטער און פעסטער איד און זיך אומגעגאנגען אביסל... ליידער איז נישט אריבער א לאנגע צייט און דער איד האט נעבעך אויסגעלעבט זיינע יארן אין א רעדער שטול, נישט קענענדיג זיך מער באגיין אליינס...

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז פון דארט זענען זיי געגאנגען צום סאטמארער רבין'ס אלטע דירה אויף 500 בעדפארד עוועניו און געפראוועט הקפות. אלטע סאטמארע חסידים זענען אריבער און זיך אפגעשטעלט זאגנדיג מיט בענקשאפט אז די שמחה וואס זיי זענען דא ביי די הקפות דערמאנט זיי פון רבין'ס הקפות.

## העלפן אין היכל הקודש

ערגעץ אינצווישן האט דער ראש ישיבה דערציילט אז אנפאנג ווען ער איז אנגעקומען צו היכל הקודש האט ער געפרעגט איינע פון די גבאים מיט וואס ער קען העלפן, האט אים יענער געזאגט אז ער וועט זיך פרייען אויב דער ראש ישיבה קען אראפנעמען די עול פון די בית המדרש פון אים.

האט דער ראש ישיבה אזוי געטון און פאר א לענגערע תקופה אויסגעצאלט די רענט פון בית המדרש אליינס און מסדר געווען אלעס. אויך האט דער ראש ישיבה צוגעלייגט אז זייענדיג א מלמד איז דער תלמוד תורה אזוי נתפעל געווארן פון דער ראש ישיבה אז זיי האבן אים געצאלט א געהאלט וואס מען געט נישט פאר קיין מלמד. יעדע וואך ביים ליל ששי שיעור פלעג איך געבן פאר מוהרא"ש 500$ אן אויסנאם.

דער ראש ישיבה האט בתוך הדברים דערציילט אז עס איז געווען אין יענע תקופה מענטשן וואס פלעגן אים גיין "אויסזאגן" מוהרא"ש. איינער איז אמאל געלאפן צו מוהרא"ש זאגן אז דער ראש ישיבה מאכט (חס ושלום) חוזק פון פסוקים, ווייל דער ראש ישיבה זינגט ושמחת בחגיך והיית אך שמח... לאך לאך שמח..." דער ראש ישיבה האט זיך צעשמייכלט און דערציילט אז עס איז שוין געווארן אזא ווערטל און מען זינגט דאס כסדר...

איינער האט געפרעגט דעם ראש ישיבה וואס מוהרא"ש האט געזאגט דערצו, אבער דער ראש ישיבה האט נישט געהעריג געענטפערט. דער ראש ישיבה האט נאר געזאגט אז מוהרא"ש האט געזאגט פאר דער וואס האט מקרב געווען יענעם איד "ברענג מיר נישט קיין משונה קרן, נארישע מענטשן" ווי באוויסט אז מוהרא"ש האט זייער מקפיד געווען ס'זאל נישט זיין קיין משונה קרן, מוהרא"ש פלעגט זאגן דאס איז שוין חצי נזק ווייל דאס איז גורם מענטשן זאלן רעדן שלעכט אויף ברסלב.

## ווייז נישט אויף

איינער האט דערציילט אז ער האט אנגעטראפן שמחת תורה א גאסט אין שטעטל (א טאטע פון איינע פון אנ"ש) און דער עלטערער איד האט זיך אויסגעדרוקט אז ער האט נאכנישט בייגעוואוינט אזא שיינער יום טוב. האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: "א שאד אז נישט אלע עלטערן קומען און זעען די נחת." איינער, א פרישער מקורב האט זיך אנגערופן אז ער קלערט אפשר אויב ער וועט מסביר פאר זיינע עלטערן די אמת וואס גייט דא פאר, וועלן זיי אויך אנערקענען און מסכים זיין. דער ראש ישיבה האט יענעם געווארנט מיט'ן פינגער, "זיי נישט קלוגער. זיי נישט מסביר. עס וועט אריבערגיין צייט און מיט די צייט וועט אלעס בעסער ווערן."

דער ראש ישיבה האט געזינגען זמירות מיט א ווארימקייט וואס איז אריין טיף אין די נשמה.

(אן אינטערעסאנטע זאך וואס איך האב אויפגעפאסט. איידער דער עולם איז ארויפגעקומען צו די באטע האב איך זיך געוואונדערט אויב עס וועלן בכלל קומען מענטשן. יעדער איז דאך אויסגעמוטשעט און מיד עס איז שפעט. אבער דער ראש ישיבה האט געבעטן איינער פון די קינדער צו ברענגען פינף באטלער סעלצער און אנגרייטן א באטע. עס איז מיר געווען א וואונדער צו וואס דארף מען אזויפיל? למעשה איז זיך צוזאמגעקומען א שיינע גרויסע ציבור, איך האב ארויסגענומען דערפון א לימוד, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות... טראכט גרעסער!)

דער ראש ישיבה האט געפרעגט די אנוועזנדע אויב מען האט א מעשה פון תפילה, האט א אינגערמאן געזאגט אז ער האט זייער שטארק געוואלט האבן געסט אויף יום טוב, האט דער ראש ישיבה אים איבערגעהאקט און געפרעגט, "הכנסת אורחים אדער פאר געלט? ווייל עס ווערט שוין היינט פארגעסן די מושג פון חסד."

דער ראש ישיבה האט דאן דערציילט אז ער האט ארויסגעגעבן זיין דירה אין וויליאמסבורג די ערשטע טעג פאר איין משפחה און די צווייטע טעג פאר א צווייטע משפחה. איינער האט אים געפרעגט אויב ער וויל געלט האט דער ראש ישיבה געזאגט "אויב איז נישט שייך אוועק געבן די דירה פאר געסט, וועט געלט מיר עס נישט מאכן טון. און אויב איז שייך אוועק געבן די דירה פאר געסט, פארוואס זאל איך נעמען געלט? און סייווי, וויפיל געלט וועסטו מיר געבן? איך האב דאך מער געלט פון דיר."

דער ראש ישיבה האט געפרעגט א קינד: "וויפיל געלט קלערסטו אז איך האב?" ווען דאס קינד האט נישט געענטפערט האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: "איך האב בילדינגס מיט בילדינגס." דער עולם האט זיך צעשמייכלט.

האט זיך א מפיץ אנגערופן אז איינער האט אים געזאגט "פארוואס דארפן ענק געלט? מען הערט נישט אויף בויען ביי ענק." דער מפיץ האט אים געזאגט אז ער קען אריינרופן אין אפיס מען וועט אים געבן א פונקטליכע באריכט." דע מפיץ האט זיך צעשמייכלט זאגנדיג אז אויב רופט יענער אריין קומט ער אן צו אים...

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "מילא איינער האט א ביזנעס פון ארויסדינגען דירות, איז דאס זיין פרנסה איז פארשטענדליך צו בעטן געלט, אבער איינער וואס האט א בעיסמענט אדער פארט אוועק אויף יום טוב פארוואס זאל מען נישט טון די גרויסע מצווה פון הכנסת אורחים." דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם אז מען דארף טון חסד.

דער ראש ישיבה האט אויך צוגעלייגט זיין מעשה פון תפילה אז ער האט מתפלל געווען אז עס זאל זיין אנגענעמע וועטערס דורכאויס די צווייטע טעג יום טוב און עס זאל נישט רעגענען, און ב"ה עס איז טאקע געווען הערליכע וועטערס, וואס איז נישט שטייגערליך פאר די צייט פון יאר.

דער ראש ישיבה האט זייער מפליא געווען דעם אינגערמאן וואס געט ארויס דעם קונטרס "אשית עצות בנפשי" וויאזוי ער גערעדנקט אלעס מיט אזא קלארקייט און עס איז אזוי שיין אראפגעשריבן.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינע פון די געסט אויב ער האט באמערקט אז אויף די גאסן זענען דא סעקיוריטי קעמעראס, וואס דאס האט מען לעצטנס געמאכט פאר די זיכערהייט פון די קינדער און משפחות פון שטעטל. דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז ער וויל צולייגן ספיקערס ווי עס זאל קענען גיין א שבת בעל אדער א ניגון איידער שבת קומט אריין.

איינער האט צוגעלייגט בדרך צחות אז דער ראש ישיבה קען אריינזאגן מעסעדזשעס ווי צום ביישפיל אז מען דארף צוזאמנעמען די סוכות מוצאי יום טוב... דער עולם האט זיך צעשמייכלט. דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן אז דעמאלטס וועט מען טאקע קענען זאגן אז עס איז א "קולט..."

דערנאך האט מען ווייטער געזינגען ווארימע זמירות און ניגונים. דער ראש ישיבה האט זיך אויפגעשטעלט, מען האט געכאפט א טענצל לכבוד שבת און דער ראש ישיבה האט אלעמען געווואונטשן "א גוט שבת." דער עולם איז זיך צוגעגאנגען מיט ווארימע התחזקות פאר די לאנגע ווינטער וואכן.

באטראכטנדיג אנשי שלומינו אויפ'ן וועג אהיים און הערנדיג ווי מען שמועסט איבער די שמועסן האב איך געטראכט צו מיר, "אוי... אוי... אוי... האט זיך עס געלוינט... אוי... האב איך פארדינט...!"



פאר די ברסלב'ע שטוב

א מעשה
איף למעשה:

# די נעבעך פון די קלאס

העער א
מעשה:
פיינע חלות
לכבוד שבת!

פאר די
ברסלב'ע שטוב:
א הארץ
פון א כלה!

מחשבה:
דו לעבסט
אדער דו
עקזעסטירטסט?

# מחשבה

ש. טראכטער



## די לעבנס אדער די עקזיסטענס?

א יונג ווייבל, וועלכע לעבט שוין א שטיק צייט שטילערהייט אויף די חיזוק פון די שיעורים, האט זיך אויסגעדרוקט צו מיר פאראנגאנגענע וואך, "וויאזוי איז שייך צו זיין חתונה געהאט און די שיעורים, אן די הדרכה, עצה וחיזוק?"

זייענדיג אליינס פריש מקורב (יעדן טאג פריש) און האלטנדיג נאך אינמיטן מיין פערזענליכע קריעת ים סוף, קומט מיר אויס צו האלטן קשר מיט נאך אזעלכע וועלכע שפרייזן אדורך די זעלבע נסיעה. מיר האבן זיך צוזאמען מחזק געווען אז מיר דאנקען דעם אייבערשטן אז מיר ווייסן אז "דער אוצר ליגט ביי מיר..." אבער די ווייבל האט נישט נאכגעלאזט. "זאג מיר דעם אמת. דו ביסט דאך שוין געווען חתונה געהאט א שיינע ביסל יארן איידער דו האסט געוואוסט פון די שיעורים פונעם ראש ישיבה, וויאזוי האסטו עס געמאכט?"

איר שאלה האט מיר צוריקגעווארפן אין א ים פון זכרונות. וויאזוי האב איך עס געמאכט? וויאזוי טאקע? נאכמער, וואס מיינט "זי האט עס געמאכט?"

אמת, ריכטיג. דאס לעבן איז אנגעגאנגען. גלגל החוזר בעולם. עס דרייט זיך א וועלט... פון טאג איז געווארן נאכט און פון נאכט איז געווארן טאג. מיין מאן האט ב"ה געלערנט אין כולל איך האב זיך ארויסגעיאגט צו די ארבעט. די קינדער זענען ב"ה אונטערגעקומען. מען איז געגאנגען צו שמחות. מען האט געפראוועט שבתים און ימים טובים, מען האט געהאט ערווארטונגען, איבעראשונגן און אנטוישונגען אין לעבן. מען האט אנגעגרייט, סערווירט און אפגערוימט פרישטאג, מיטאג און נאכטמאל. מען האט געוואשן און געריבן, און אפילו געהערט שיינע שיעורים. דאס לעבן איז טאקע געפארן.

אבער איך האב עקזיסטירט, לאו דוקא געלעבט.

איך קענט די מעשה פון דאס קינד וואס איז געבוירן געווארן אין גרוב און אפגעלעבט א גרויסן טייל פון זיינע יארן דארט? דאס עסן האט אויסגעזען גרוי. די מעבל איז געווען טינקל, זיינע עלטערן האט ער ניטאמאל געהעריג געקענט זען, אבער דאס קינד האט נישט געוואוסט פון עפעס בעסער, ממילא האט ער אין מח געטראכט אז "ער לעבט" (ליין: אטעמט, עקזעסטירט...) און אזוי איז דאס לעבן. ער האט קיינמאל נישט מיטגעלעבט די מושג פון לעבן אן אנדערע סארט לעבן, א לעבן מיט ליכטיגקייט.

און דאן אין א שיינעם טאג האט מען אים ארויסגענומען פון גרוב, לאור עולם. ער האט פלוצלינג דערזען אז עס איז דא אזא מושג פון "א וועלט." ער האט צום ערשטן מאל אין לעבן געזען און געשפירט "ליכטיג."

אין אנהייב האט אים געפינטלט פאר די אויגן, אזוי ווייט אז ער האט נאר געוואלט צוריק אראפגיין אין גרוב. אזוי איז עס. צומאל איז לייכטער צו לעבן א לעבן וואס איז אומאנגענעם אבער איך בין שוין באקוועם דערמיט, ווי איידער צו זיין אומבאקוועם און אנגענעם.

אין גרוב איז ער געווען היימיש. ער האט זיך שוין באקוועם געמאכט מיט די ווערים און געוואוסט וויאזוי זיך אומצוגיין מיט זיי. דער גרוב האט געהאט א גרויסע מעלה. אין גרוב, צוליב די טינקלקייט האט ער נישט געזען זיינע חסרונות. ווען ער איז ארויסגעקומען אין די ליכטיגקייט האט ער זיך פלוצלינג דערזען אז ער איז צוביילט פון די רעכטע זייט און צובלוטיגט פון די לינקע זייט. עס האט אים נישט אזוי געשמעקט זיך אנצוטרעפן מיט זיינע חסרונות. ממילא האט אים געצויגן מזמן לזמן צוריק אראפצוגיין אין גרוב און אויסלעבן זיינע יארן אין "דינייעל!"

איר לאכט? איר שמייכלט? איך נישט... אויב זענט איר געבוירן אויפ'ן בארג הרי זה משובח. אבער פאר אלע וואס זענען געבוירן אין גרוב, איז דאס די וועג וואס מען גייט אריבער. מיט די צייט וועט עס זיכער באקומען א נאמען. אפשר "טרענזישינעל דיסארדער"?

איידער מען איז זוכה צו לעבן מיט די ליכטיגקייט פון א צדיק, זעט מען ניטאמאל די אייגענע חסרונות. אוודאי ווייסט מען פון עבודת המדות צו זאגן, אוודאי וויל מען שטייגן און ווערן בעסער, אבער אין גרוב ווי עס איז טינקל אן די עצות פון צדיקים דאכט זיך זייער אפט אז יעדער און אלעס איז טינקל און מען זעט נישט וואס מען דארף באמת פארררעכטן. יא, זיכער דארף איך ארבעטן אויף זיך, אבער עס דאכט זיך אז שולדיגער זענען די מאן, די קינדער, דער בעל הבית, די חבר'טע און ווער נישט? אויב וואלט מיין מאן געווען מער ... וואלט דאס לעבן, פרנסה, שלום בית וכו' געווען אסאך בעסער. אויב מיין מאמע, שוועסטער, שכנ'טע וואלטן ווען געווען... וואלט ווען....

ווען מען קומט אן צום צדיק פאלט ארויף א ענוה. מען הייבט אן זען די אייגענע יחוס... און אנערקענען וואס און וויאזוי איך דארף זיך פאררעכטן.

מען האט אמאל געפונען דעם בעל שם טוב אין וואלד וויינען מיט בכיות. די תלמידים האבן אים געפרעגט פארוואס ער וויינט אזוי שטארק, האט דער בעל שם טוב געפרעגט, "וויאזוי זאל איך נישט וויינען אז איך זע דעם דור פאר משיח וועט קומען און עס וועלן זיין אזויפיל

"מפורסמים של שקר" פאלשע (פאר)פירערס, אזוי סאך ווי די "בלעטער פון בוים!" וואס וועלן פירן כלל ישראל און דאס פאלק וועט זיך נארן?"

ווערנדיג מקורב צום רבי'ן טרעפט מען זיך צומאל מיט'ן בלבול "איז דאס אן אמת'ע ערליכע פלאץ? אפשר איז דאס וואס די מעשה פון בעש"ט מיינט (ח"ו)?" דער רבי געט אונז אפאר סימנים פון אן אמת'ע ערליכע איד. איינע פון די סימנים איז טאקע אז ווען א מענטש הייבט אן צו לעבן מיט די ליכטיגקייט פון צדיק פאלט אויף אים ארויף א שפלות (פארטויש דאס נישט מיט יואש...) ער הייבט אן זען אז ער איז אזוי ווייט און האט נאך אזויפיל צו גיין. אבער חזק ואמץ, אז דער ערליכער איד געט דיר א וועג. ער ווייזט דיר נישט אז דו ביסט ווייט. ער ווייזט דיר א וועג אנצוקומען ווייט.

ווען מען איז זוכה צו טרעפן די ליכט פון צדיק, צינדן זיך אן א רייע מיט "ספאטלייטס" אין לעבן. די ספאטלייטס מאכן ליכטיג אבער אויך זענען זיי מגלה די אייגענע פראבלעמען.... און עס איז דא טעג וואס מען טראכט "עס איז מיר בעסער געווען אין גרוב..."

איר פארשטייט? אין גרוב האב איך אויך געשמייכלט צו מיין מאן, אבער אמת'ע שלום בית (און עבודת המדות), "אהבה אחוה שלום ורעות... צו שפירן אט די הייליגע ווערטער, איז נישט שייך געווען אין גרוב. אבער אין גרוב האב איך נישט געוואוסט פון עפעס בעסערס. אין גרוב עקזעסטירט מען אויך. יא מען קאכט און באקט, מען לעבט, מען ערציעט א דור, מען היט שבת, מען באקט חלות, מען איז מכבד די עלטערן, מען טוט אפילו חסד, אבער מיט די עצות פון רבי'ן הייבט מען אן צו לעבן! דער רבי שרייבט אין ספר המדות אז דער צדיק איז דער שדכן. ביי מיר איז דער צדיק געווען דער שדכן א שיינע פאר יאר נאך די חתונה. שכח אייבערשטער.

איינער האט מיר אמאל געפרעגט "זאג מיר אויפריכטיג... וואס האסטו נישט געוואוסט איידער דו ביסט געקומען אין היכל הקודש? וואס האסטו דא באקומען אז עס איז דיר ווערד געווען איבערצודרייען דאס לעבן מקצה אל הקצה? וואס האט דיר עס אויסגעפעלט? ביסט דאך נישט געווען א גר צדק? ביסט דאך אויפגעוואקסן ביי פרומע וואוילע עלטערן וואס האבן דיר ערצויגן צו תורה ויראת שמים."

אמת. זייער ריכטיג.

א דאקטער האט אמאל געכאפט א שמועס מיט'ן הייליגער צאנזער רב. ער האט זיך אויפגעטון פאר'ן רב וואס ער טוט אלץ אויף. "איך באשעפטיג זיך אין גרויסע זאכן פאר די וועלט," האט זיך דער דאקטער געגרויסט, "איך נעם א מענטש וואס האט שוין נישט קיין אויסזיכטן צו לעבן און איך געב אים א פרישע שאנס, א נייע הארץ. הער ראבינער, וואס איז אייער באשעפטיגונג?" האט דער צאנזער רב זי"ע אים געענטפערט, "מיין ארבעט איז בויען ברוקן. גרויסע ברוקן, קאמפלאצירטע ברוקן."

דער דאקטער האט געהויבן די ברעמען מיט רעספעקט. דער צאנזער רב האט אים נישט געלאזט לאנג ווארטן און אים מסביר געווען, "איך בוי ברוקן פון מח צום הארץ. פון ידיעה צו למעשה."

אין עלינו לשבח זאגן מיר "כי ידעת היום... און דו זאלסט וויסן היינט, והשבות אל לבבך, און דו זאלסט דאס ארייינזעצן אין דיין הארץ. פון וויסן ביז אויספירן איז א לאנגע און שווערע וועג. ווייניג ווייסן די סוד וויאזוי מען קומט אן פון מח צום הארץ.

אידישקייט איז נישט קיין לימוד. האלטן א דרשה איז א "חכמה ואינו מלאכה." עס איז נישט קיין גרויסע קינץ צו קענען אפאר מעשיות. א גוטע שפראך איז א טאלאנט, נישט אנדערש ווי זינגען און שרייבן. אבער ארייינזעצן די ידיעה אין הארץ און אויספירן למעשה, לעבן דערמיט, דאס איז די עבודה.

די מעשה האב איך דערציילט פאר די ווייבל וואס האט זיך געוואונדערט וואס איך האב געטראפן אין היכל הקודש. היכל הקודש האט מיר געגעבן דעם "בריק" פון אלעס וואס איך האב געוואוסט צו זוכה זיין צו "לעבן דערמיט" וחיי בהם!

היכל הקודש האט מיר געגעבן די קליינע טרעפל וואס פארבינדט אזוי סאך. איר ווייסט וואו דאס בריק געפינט זיך? איר ווייסט וואס דאס איז? וואס איז צווישן די מח און דאס הארץ?

די מויל!

איך האב א חידה פאר אייך? וואס איז אזוי גרינג ווי א פעדער אבער שווערער ווי מיל שטיינער? צו באוועגן די ליפן... איר גלייבט נישט? פראבירט דאס אויס.

טראכט אריין ווי גרינג מיר באוועגן אונזערע ליפן. שעות אויף שעות קענען מיר רעדן פון אלץ און אלעמען און מיט סיי וועמען. יעצט פראביר זיך אראפצוזעצן אפאר מינוט, ממש געציילטע און זאג ארויס, "באשעפער איך וויל רעדן צו דיר. באשעפער איך וויל אויסשמועסן מיין הארץ פאר דיר. איך וויל דיר דערציילן וואס גייט אויף מיר אריבער. איך שפיר אזוי פארלוירן, דערשראקן צעמישט (לייג אריין דיינע געפילן). פון איין זייט שפיר איך אז.... פון די צווייטע זייט קלער איך אז...." און דו זאג מיר ווי לייכט אדער שווער דאס קומט אן?

פארוואס? ווייל נישט נאר איך און דו ווייסן אז דאס איז די סוד און דער יסוד פון א לעבן מיט'ן "אור הצדיק". נישט נאר איך און דו ווייסן אז אזוי קריכט מען ארויס פון גרוב און דאס איז די ברוק פון מח צום הארץ, פון רצונות און בענקענישן צו למעשה. אויך דער שטן ווייסט דאס, און דערפאר איז דאס אזוי אזוי שווער. דערפאר קען מען הערן שיעורים אזוי לאנג און די שנייי ברעקלעך קלעבן זיך אזוי שווער אן.

אויף דעם האט שוין דער רבי געזאגט,"אז צו עבודת ה' דארף מען זיין א גרויסע עקשן. זיך נישט לאזן. א ווארט היינט, א ווארט מארגן, צוויי קומענדיגע וואך, אבער צוביסלעך צוביסלעך וועלן מיר מנצח זיין און אראפקראצן די אנגעקלעבטע שטויב און זוכה זיין צו רעדן צום אייבערשטער "כדבר איש אל רעהו." דאס אז עס קומט אונז אן אזוי שווער איז די גרעסטע ראי' אז "דער אוצר ליגט דא באגראבן!"

אין די הקדמה צום הייליגן ספר "השתפכות הנפש" ווערט אזוי שיין אראפגעלייגט די אלע ליכטיגע סדרות, וועלכע מיר שפרייזן יעצט אדורך. יעדע סדרה איז א מעשה פון תפילה. דאס גאנצע לעבן פון אונזערע אבות איז איין לאנגע קייט פון תפילה. אט דאס, די סוד, וואס דער רבי זאגט א חידוש, "עס איז א סוד און וועט בלייבן א סוד", דאס האב איך זוכה געווען צו באקומען ביים ראש ישיבה. די סוד אז איך האב די כח צו טוישן מיין לעבן מיט מיינע

גלייב מיר, איך האב נישט קיין פערזענליכע אינטערעסן. איך פארצייל דיר נאר מיין בייאגראפיע, מיין "לעבנס געשיכטע" וואס איך האב זוכה געווען צו באקומען ביים רבי'ן.

דאס מיינט נישט אז דאס לעבן מוז זיין ביטער אנצוקומען צום רבי'ן. ניין, מיינט נישט אז עס איז חושך ואפילה, אבער פון גוט צו בעסער איז דען דא א שיעור? דער מדרש זאגט אז קעגן די שיינקייט פון שרה זענען אלע אנדערע פרויען נישט פאררעכנט געווארן אלץ שיין. ווען מען איז זוכה צו שפירן שיינקייט און ליכטיגקייט, הערשט דאן זעט מען וואס עס הייסט געלעבט.

די ליכטיגקייט פון היכל הקודש איז אזוי שטארק אז צומאל פינטלט (לייך: בלבולים) פאר די אויגן. אבער לאז זיך נישט נארן. עס איז גארנישט אזוי פשוט צו זיין פשוט! האלט זיך אן פעסט, עפן דיינע ליפן, איין סעקונדע אויפאמאל און הייב אן בויען דיינע ברוקן. פון גריב צום ליכטיגקייט, פון מח צום הארץ!

מרת ש. ל. פליישמאן

# איפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענגט, ווערן בעסער איך בענק, כאטש עפעס איך געדענק

## מיין טעגליכע ברויט

איך בין געקומען,
מיין אמונה אויפפרישן,
צו שפירן אין אלע מיינע ביינער,
אין אלע מיינע חושים,
דער אייבערשטער איז דא.
טעם עולם הבא!

יעדע מאנטאג נאכט,
די זעלבע שיעורים,
די זעלבע דיבורים,
ס'איז אייבערשטער שפראך!
יעדע ווארט אינטערעסאנט!
סאיז ניי פאר מיר היינט!

מיין ברויט פאר פרישטאג,
איז מיר לעבנסוויכטיג,
געמאכט פון מעהל און וואסער,
איך ווייס נישט פון בעסער,
איך קום אין בעקעריי,
ניין! כ'דארף נישט עפעס ניי.

איך געדענק אפילו נישט...
מיין פרישטאג ברויט פון נעכטן...
יעצט עס איך ברויט פון פריש,
א מחי', ס'איז דעליש,
אויך מארגן טאקע,
וועל איך עסן ברויט געשמאקע...

אזוי איז יעדע שיעור,
די זעלבע ווי פריער,
נאכאמאל אמונה, תפילה, הודאה...
שפירן אייבערשטער יעדע שעה.
ס'איז נשמה עקסערסייז,
א איד'ס אלף בית,
אדרבה קום מיט מיר צו א שיעור,
קאסט און פרוביר,
טעסט "נשמה שפייז"...!!!



ג. פעקעטע

# די נעבעך פון קלאַס

א   ין הויך שולע איז לייקי געווען די מיידל וואס האט לעצט אויסגעטראטן פון שמונה עשרה, אבער עס איז נישט געווען ווי די אנדערע פאר וואס האבן אויסגעטראטן לעצט בעפאר איר. עס איז געווען א שטילע אומגערעדטע פארמעסט צווישן די מיידלעך ווער עס איז מער טאפ, און ווער עס איז מער ספעציעל, און ווער עס קען לענגער אויסציען די דאווענען.

לייקי האט עס אבער אמת'דיג געמיינט, זי האט געדאוונט מיט איר גאנצע הארץ, און מען האט געזען פארוויינטע אויגן ווען זי האט אויסגעטראטן. עס איז נישט קיין וואונדער אז לייקי האט אזוי לאנג געדאוונט, יעדער איינער האט געקענט לייקי אלס די נעב פון די גאנצע סקול, לייקי איז געקומען פון א משפחה פון ערגעץ וואו פון בעלי תשובות, מען פלעגט איר רופן מיט א צונאמען, וויבאלד זי איז געקומען פון די שטאט דזשארדזשיע וואס איז ערגעץ וואו פארשטעקט, וואס עס איז נישט דא דארטן צופיל אידן, פלעגט מען חוזק מאכן פון איר, און איר רופן אויפן נאמען פון א טייערע ברענד נעים - וואס די מיידלעך זענען מער באקאנט געווען דערמיט ווי פון די שטאט פון וואו זי קומט - דזשארדזשיא ארמאני האבן די מיידלעך בעסער געוואוסט, האט מען גערופן די לייקי, לייקי ארמאני, אז מען זאל געדענקען פון וואו זי קומט.

עס האט זייער וויי געטון פאר לייקי, לייקי פלעגט ארומגיין אין סקול, און זיך טרעפן שטילע ווינקעלעך צו זיצן, אז מען זאל איר נישט נאך איין שטעך געבן, נאך איין פליק זאגן אדער נאך איין וויץ מאכן אויף איר חשבון.

זיצט זיך לייקי אין די ווינקל פון קלאס יאר נאך יאר, און אפגעשמאכט דארט אירע טעג, צומאל פלעגט זי ארויסנעמען א תהילים און זאגן קאפיטלעך תהילים, אבער אפט מאל האט זי נאר געהאלטן דארטן איר תהילימ'ל און מען האט געזען ווי זי וויינט.

אזוי זענען אריבער לייקי'ס יארן אין סקול, זי האט קיין חבר'טעס נישט געהאט, פאפולער איז זי נישט געווען, און מען האט איר אזוי פארשעמט יאר נאך יאר.

אין די זעלבע צייט איז געווען א מיידל רחל'ע. רחל'ע איז געווען די שטערן פון די סקול, יעדער האט געקענט רחל'ע. זי איז געקומען פון א ברענד נעים פאמיליע, פון א משפחה וואס איז שטארק באוואוסט אין די קהילה, זי איז געקומען פון א משפחה מיט יחוס, און זי האט נישט צופיל גע׳דארפט ארבעטן פאר זיך, אלעס איז זיך איר געקומען אויף א

מעשה אויף למעשה

גאלדענעם טאץ, יעדער האט זיך געבויגן צו איר פארלאנג.

רחל'ע איז דורכגעשווימען איר שולע יארן מיט שיינע קאלירן, זי האט אלעמאל אויסגעזען דשאסט סאו, יעדער האט געוואלט זיין ארום איר, און זי האט געהאט מער חבר'טעס וויפיל מען קען ציילן.

פארשטייט זיך אז ווען עס איז געקומען די יארן פון שידוכים, האט יעדער ערווארט אז רחל'ע זאל זיין פון די ערשטע כלות אין די קלאס, און רחל'ע האט טאקע נישט אנטוישט, עס איז איר איר געלונגען א שידוך איינס אין די וועלט, יחוס, געלט, באוואוסט, ארויפגעקוקט, וואס מען קען נאר זאגן האט זי באקומען אין איר חתן.

אלע יארן האט לייקי געהאט א גרויסע פחד – וואס וועט זיין ווען זי וועט קומען אין די יארן פון שידוכים. גענוג וואס זי האט געליטן אין סקול, גענוג וואס די מיידלעך האבן איר אזוי ווי געטון, אבער פארוואס זאל זי יעצט דארפן איר גאנצע לעבן ווייטער ליידן. חתונה האבן מיט א מאן פון די הרי אררט, א מאן וואס וועט ווייסט פון וואו ער קומט און צו וואו ער וויל גיין.

עס האט איר אלע יארן מורא'דיג ווי געטון, און זי פלעגט זיך זיצן אין איר ווינקל אין שולע מיט איר תהילים און וויינען. איר קלאס טאקע האט פארשטאנען אז זי וויינט אז מען האט איר פארשעמט, אבער לייקי האט אמאל געהערט איין גוט ווארט אז יעדע תפילה מאכט אויס, האט זי גענומען אירע טרערן און ווען זי האט זיי פארגאסן, האט זי אויך געבעטן אז זי זאל זוכה זיין צו אויפשטעלן א שיינע דור, ערליכע אידן, זי זאל זוכה זיין חתונה צו האבן צו א מאן א ירא שמים, אן ערליכער איד, א תלמיד חכם.

זי פלעגט טענה'ן צום אייבערשטן "פארוואס זאל איך אויך נישט קענען אויפשטעלן א שיינע שטוב פאר דיר הייליגער באשעפער, וועגן מיינע עלטערן קומען פון א אנדערע לאנד? וועגן מיינע עלטערן קענען נישט באצאלן פאר טייערע קליידער? וועגן אונזער הויז איז נישט די שענסטע געביידע, זאל איך נישט קענען יעצט האבן א ערליכע שטוב?" זי האט זייער אסאך געוויינט און געבעטן ביים אייבערשטן, אז זי זאל זוכה זיין צו קענען אויפשטעלן א אידישע ערליכע משפחה.

ווען עס איז געקומען די צייט פון שידוכים האט לייקי נאך מער געוויינט און פארגאסן טרערן און געזאגט תהילים און געבעטן דעם אייבערשטן, אז זי זאל יא קענען זוכה זיין צו אויפשטעלן א שיינע ערליכע שטוב, זי האט געוואוסט אז חוץ פון א נס וועט איר גארנישט העלפן, אבער זי האט געגלייבט אין די כח פון אירע תפילות, האט זי נישט אויפגעגעבן.

תפילה האט א גרויסע כח, און עס איז ארייגעקומען די נייעס אז עס איז דא א משפחה וואס איז אינטערעסירט זיך צו טרעפן מיט איר. לייקי'ס שמחה האט נישט געוואוסט קיין שום גרעניץ, מיט מיר? די שיינע משפחה? זיי ווילן זיך טרעפן מיט מיר? קוקן צו איך בין א פאסיגע שידוך פאר זייער זוהן? זי האט אויפגעלאכטן, זי האט זיך שיין צוגעגרייט און איז ארויסגעגאנגען זיך טרעפן מיט די משפחה.

אירע עלטערן זענען פונקט נישט געווען אין שטאט, האט מען איר געשיקט מיט א שכן, און אזוי איז געשען די שיינע שידוך פון לייקי מיט א תלמיד חכם, א בחור א ירא שמים פון אן ערליכע משפחה.

די גאס האט געזודערט און געשטוינט, ווי אזוי האט לייקי באקומען דעם בחור וואס די האלבע שטאט האלט אן אויג אויף אים, וואס האט געמאכט די משפחה נעמען לייקי?

נאך א קורצע צייט האט זיך עס קלאר ארויסגעשטעלט, עס איז געווען אן ערנסטע טעות, אבער די שידוך איז שוין געווען געשלאסן. ווען מען האט אנגעטראגן לייקי צו די שיינע משפחה, האבן זיי פארשטאנען חייקי, און חייקי איז א וואוילע מיידל פון א שיינע משפחה, תורה וגדולה במקום אחד, עס איז געווען א קליינע טעות וואס דער אייבערשטער האט געפירט און זכות פון לייקי'ס יארן יארן פון תפילות און געבעט ביים אייבערשטן.

לאמיר צוריקגיין צו אונזער רחל'ע. רחלע'ס כלה טעג זענען געווען אנגעפילט מיט טעג און נעכט פון זיך גרייטן, פון גיין שאפינג, אויסרישן אלעס וואס א מיידל קען נאר דארפן צוגרייטן צו גיין צום חתונה נאכט. איין טאג איז נעבעך ארייגעקומען א שלעכטע בשורה, די מחותנים האבן געהערט א קליין ווארט, א קליין קרום אויף רחל'ע, וואס זיי האבן נישט געקענט ארויפשלינגען, און זיי האבן אפגעזאגט די שידוך.

יעצט האט זיך הערשט ארויסגעוויזן אירע אמת'ע מידות און אמונה און זי האט זיך פרובירט צו טרייסטן. זי האט זיך ווייטער אויסגעצייכנט מיט איר שטארקייט אין זיך מיטגעפריידט מיט אירע חברט'עס שמחת.

נאך א קורצע צייט איז אונטערגעקומען א שידוך נאך שענער און בעסער פון פריער, רחל'ע האט זיך אויפגעהויבן און צוגעגאנגען צום שידוך מיט שמחה און גרויס האפענונג אז יעצט וועט איר לעבן שוין ווייטער פארן אויף די זילבערנע טאץ צו וואס זי איז געוואוינט.

אבער ניין, רחל'ע טרעפט זיך אפאר יאר נאך איר חתונה, אירע אלע חברט'עס פון שולע האבן שוין אפאר קינדער, אבער רחלע'ס היים איז נאך שטיל, עס איז ליידיג.

יארן לאנג האט זי געבעטן דעם אייבערשטער אויף קינדער. זי איז געגאנגען נעמען ברכות פין צדיקים, און אירע גוטע מעשים פון אלע יארן האבן איר אויך בייגעשטאנען, און זי האט טאקע זוכה געווען צו אויפשטעלן א שיינע משפחה מיט קינדער.

אבער מיר זענען בכלל נישט שאקירט פון די אויסקום פון לייקי'ס און רחלע'ס לעבן.

יעדער איינער האט געוואוסט אז עשו איז די מאן פאר לאה, און יעקב איז פאר רחל. אונזער מאמע לאה אבער, האט זיך נישט דערשראקן פון וואס די וועלט זאגט, פון וואס די טבע איז, פון וואס די מציאות ווייזט. זי איז געגאנגען צו דער אייבערשטער און געוויינט און פארגאסן טייכן טרערן פאר יארן לאנג, זי האט געבעטן "**איך וויל אויך זוכה זיין צו חתונה האבן צו א מאן א ערליכער איד, א תלמיד חכם, א ירא שמים**". זי איז געגאנגען צום אייבערשטן איינמאל און נאכאמאל. אזוי ווייט, אז יעדער האט געוואוסט אז **עיני לאה רכות**, לאה'ס אויגן זענען געווען אויפגעשוואלן און רויט פון איר פיל געוויין.

ווען זי האט געוויינט צום אייבערשטן, האט זיך יעדע תפילה אנגעזאמלט, און דורך דעם האט זי טאקע זוכה געווען, נישט נאר צו באקומען אן ערליכער מאן אויף וואס זי האט געבעטן, נאר אירע תפילות זענען געגאנגען נאך אסאך ווייטער, אז זי האט זוכה געווען צו געבוירן זעקס פון די הייליגע שבטים, און אויפשטעלן אזעלכע הייליגע קינדער, צדיקים, וואס פון זיי קומט ארויס האלב פון כלל ישראל.

אז מען לייגט תפילות יאר נאך יאר, וועט ארויסקומען הערליכע שיינע זאכן. נישט נאר האט לאה באקומען איר מאן יעקב, נאר זי האט נאך חתונה געהאט מיט יעקב בעפאר רחל. פאר א באנוס האט דער אייבערשטער איר נאך געגעבן זעקס שבטים. אלעס נאר פון אירע תפילות וואס זי האט געבעטן בלינדערהייט, ווייל די מציאות האט געזאגט אז עס איז נישטא פון וואס צו רעדן, דיין מאן איז עשו, עס איז דאך נאך דא צוויי ברודער'ס יעקב און עשו, און אויב יעקב איז פאר רחל, קומט אויס אז דו וועסט מוזן לעבן מיט עשו. אבער זי האט זיך נישט דערשראקן פון דעם, **אירע תפילות האבן איר געטראגן זייער ווייט.**

**תפילה העלפט!**

צאר די
# ברסלב'ע שטוב

מ. פאפנהיים

די הארט פון א
# כלה!



גלאנציגע פערעלעך... שיינענדיגע שטיינדעלעך... שמעקעדיגע בלומען...

אן א חופה אויסגעשפרייט אינטערן פרייען הימל. ס'איז נאך טאג? אדער נאכט? פון צווישן די ווייסע וואלקענעס שיינט דורך די זון און עס שיינט אריין אין פענסטער, זי האט זיך דערוועקט און זיך געטראפן ביי זיך אין צימער אה ... יעצט איז אינדערפרי, אין נאך עטליכע טעג איז - שוין - די - חתונה!!!!

זי האט זיך אפגעגאסן די הענט, אויפגעשטאנען, זיך אנגעגרייט בזריזות, און זיך געשטעלט דאווענען, א ווארעמע הארציגע תפילה. אט אט קומט אן דער גרויסער טאג, און ס'איז דא אזויפיל וואס צו בעטן...

די גאנצע הויז קאכט, יעדער איז פארנומען, יעדער גרייט זיך, אלעס מוז קלאפן, איר מאמע פלאנירט דעם מעניו פונקטליך... און די קליידער מוז זיין אויסגעגאסן לויט יעדנ'ס טעם און געשמאק. איר טאטע זיצט שוין עטליכע טעג מיט די זינגערס אויספלאנירן א פעסטע קנאקעדיגע סינגל... אזוינס

וואס זאל אויסדריקן די געפילן אבער דאך נישט ארויסגעבן אלע סודות... און זי... זי פליט ערגעץ אנדערש, זי ווייסט אז די גרויסארטיגע חתונה גייט זיך ענדיגן, און עס גייט זיך אנהייבן א נייער לעבן... א לעבן פארן אייבערשטן, בויען א הייליגע שטוב, און גיסן א יסוד פון כלל ישראל.

זי איז ארויס צום קאך עסן פרישטאג, א כלה דארף דאך אכטונג געבן אויף זיך, זי דארף אויסזען צום זאך, און האבן אסאך כח, ווען זי האט אויפגעכאפט א שמועס צווישן די קעכערינ'ס:

"ביסט זיכער אז דער חתן האט נאך גארנישט געכאפט"

"כא... כא... כא... דער חתן איז א תמים... מיר מאכט נאר מאדנע אז "זי" האט נישט געכאפט... זי גרייט זיך כאילו זי גייט טאקע חתונה האבן מיט אים...".

"נו, נו, יעדער טעפל האט זיין דעקל..."

"יא, ווען זי וואלט טאקע געווען די כלה איז עס טאקע זייער געלונגען, צוויי תמימות'דיגע מענטשן... אבער דער פראבלעם איז אז צום סוף איז עס נישט "זי"..."

זי האט פארשלונגען א שמייכל, יא, דער חתן איז א תמים... א זאך וואס האט איר באצויבערט פון די ערשטע סקונדען ווען זי האט אים געזען, און זי האט געפילט אז דאס דארף זי, נאכן צוזען פון דער נאנט ווי עס זעט אויס א לעבן פון אויסנארן, בארעדן, און נאר שפילן אלעס "לשם שמים" האט זי גוט געוואוסט ווי זיס עס איז דער לעבן ווען מען פירט זיך פשוט, מיט תמימות אן קיין חכמות, אן קיין גרויסע עובדות, אבער יעצט דארף זי זיך ממש איינהאלטן פון לאכן.

דער חתן האט נאכנישט געכאפט?! אוי אוי האט ער געכאפט... ער ווייסט זייער גוט מיט וועם ער פאלט דא אריין, און ער האט זיך באווארנט פון פריער, אבער דאס איז דערווייל נאך צווישן אים, איר, און דעם איינציגן באשעפער, אבער זי דארף זיין גרייט, ווייל אין די נאכט פון די חתונה וועט דער חתן זען אז מען האט אים אויסגענארט, און... וואס וועט דעמאלט זיין? ער וועט קומען צו איר טאטע, און פאדערן זיין אמת'ע כלה...

און וואס וועט זיין מיט לאה???

נעבעך... עס איז נעבעך פארזיגלט אויף איר אזא ביטערער לעבן... זי וויינט אזוי פיל, אירע אויגן זענען רויט און אויפגעשוואלן פון געוויין, זי איז נישט קיין לעמעלע... זי ווייסט זייער גוט מיט וועמען זי דארף באמת חתונה האבן... און דא גרייט זי זיך און זי האפט אז אפשר דאך... אפשר וועט יא געלונגען זי זאל זוכה זיין צו לעבן מיט א צדיק?

לאה איז גאנץ דערשראקן זי ווייסט אז יעקב וויל נישט חתונה האבן מיט איר, אבער זי האפט אז דער "תמים" וועט נישט כאפן, זי - רחל ווייסט אבער אז יעקב גייט איר בעטן סימנים, און לאה וועט נישט וויסן... און זי גייט זיך ביטער פארשעמען...

רחל פילט א מינוט ווי זי טראגט עס נישט אריבער... איך זאל גורם זיין אז מיין שוועסטער זאל זיך אזוי פארשעמען? די לעצטע וואך איז לאה מער אויפגעלעבט, אירע אויגן האבן באקומען עפעס א שיין, זי האפט אזוי שטארק אז דער שפיצל זאל געלונגען... און איך ווייס אויף זיכער אז עס גייט נישט דורכגיין, לאה גייט נישט וויסן צו ענטפערן...

איך דארף איר עס זאגן...

ביסט משוגע??? זאג מיר, דו האסט זיך אויסגעקליבן דעם חתן? ניין! עס איז אזוי אפגעשריבן פון הימל, נאך איידער דו ביסט געבוירן... עס מיינט נישט אז דו גייסט פארשעמען לאה, לאה פארשעמט זיך אליין, ווער בעט איר מיטצושפילן א שפיצל וואס זי ווייסט אז זי באלאנגט נישט דא? זי טוט זיך אפ צרות מיט אירע אייגענע הענט!!! אויב דו גייסט איר איבערגעבן די סימנים וועט יעקב חתונה האבן מיט איר, און וואס וועט זיין מיט דיר???? דו וועסט גיין צו עשו??? א גאנצן לעבן וועסט ליידן פון דעם!!! און בכלל ווי קענסטו עס טון פאר יעקב??? ער וויל דאך טון דעם רצון השם, און בויען זיין שטוב מיט וועמען דער אייבערשטער האט אים געהייסן!

עס איז דא צייטן וואס מען דארף לייגן דעם געפיל אין די זייט, און טון וואס מען דארף צו טון, אויך ווען עס וועט גיין אויף יענעמ'ס חשבון...

ריכטיג... אבער איך קען נישט טראכטן פון לאה'ס הארץ... זי איז אזוי צובראכן... זי איז אזוי פארקלעמט... און יעצט וועט זי זיך אזוי פארשעמען??? איך וויל איר עס יא זאגן... און וואס וועט זיין מיט מיר? איך ווייס נישט... אבער איך קען נישט צוזען אז לאה זאל אזוי ליידן!

נאך דער אייבערשטער האט געזען וואספארא עבודה ס'איז געווען פאר רחל אמנו, אויף אזוי ווייט, אז ווען ראובן האט געברענגט די דודאים פאר זיין מאמע לאה, און רחל האט איר געבעטן פון דעם, האט לאה איר געזאגט: נישט גענוג דו האסט צוגענומען מיין מאן דארפסטו מיר נאך אויך צוגענומען פון די דודאים?!

וואס?? ווער האט צוגענומען וועמענ'ס? רחל האט געשוויגן.

אין דער זכות וואס זי האט אזוי אכטונג געגעבן אויף לאה'ס כבוד, באגלייט אונז ביז היינט, אין דעם זכות קענען אונז זיך דערהאלטן אין גלות, און אין דעם זכות גייען אונז נאך איינמאל אהיים גיין...

עס מאכט זיך מינוטן וואס מען פילט ווי מען ווערט צוריסן, מען וויל טון וואס איז ריכטיג, אפילו עס איז אזוי שווער, אבער... קיינער גייט נישט וויסן... קיינער גייט נישט שעצן... קיינער גייט גארנישט זאגן... זאל איך זיך אזוי מוטשען פאר גארנישט?? און אסאך מאל נישט נאר מען וועט מיר נישט ארויפקוקן, נאר אפילו פארקערט יעדער וועט לאכן, יעדער וועט רעדן, יעדער וועט זאגן אז נעבעך... זיי זענען משוגע... ערגעץ פארכאפט...

אבער הייליגער באשעפער! דו ווייסט וואס יעדער טראכט, דו זעסט די אינעווייניגסטע געפילן און מחשבות, דו זעסט די ריכטיגע כוונות! און עס וועט נאך קומען א צייט וואס דו וועסט באלוינען פאר ווער עס האט געטון וואס ס'איז ריכטיג, די זכותים בלייבט אויף אייביג, פאר אלע דורות.

# הער א מעשה

## ש. ראבינאוויטש
קרית ברסלב

שכח אייבערשטער אז אין שטעטל איז געקומען א שיינע שניי.

איך האב מיך געטראפן אז איך דארף האבן בוטס פאר מיינע צוויי קינדער. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן פאר פיינע ווארימע בוטס פאר ביידע קינדער. איך בין אריבער צום באזאר צו זען אויב איז דא בוטס וואס קען זיין גוט פאר מיינע קינדער. למעשה האב איך נישט געטראפן די ריכטיגע סייז.

איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן צו טרעפן גוטע בוטס די ריכטיגע סייז, איך האב געשריבן א מעסעדזש אויף די גרופ אויב איינער האט בוטס. שכח אייבערשטער איינער האט געזאגט אז זי האט בוטס פאר מיין מיידל, יעצט האב איך געדארפט האבן א וועג ס'זאל אנקומען צו מיר, און אויך האב איך נאך געדארפט האבן בוטס פאר מיין אינגל.

שכח אייבערשטער איך האב געטראפן א וועג צו אויפפיקן די בוטס פאר מיין מיידל. ווען איך האב געוואלט עס אויפפיקן האט זי געזאגט אז זי האט אויך בוטס פאר מיין אינגל, ברוך השם ביידע איז געווען די ריכטיגע סייז.

האט די אויוון אנגעהויבן רייכערן, איך האב מיך געטראפן אז איך קען עס נישט ניצן ווייטער אזוי, וואס טוט מען יעצט?

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל יא קענען באקן די חלות. אזוי בעטענדיג דעם אייבערשטן איז מיר בייגעפאלן צו בעטן מיין שוועסטער וואס וואוינט נעבן מיר, אויב איך קען אריינלייגן די חלות ביי איר אויוון, איך האב געבעטן מיין שוועסטער אויב איך קען באקן ביי איר, און זי האט מסכים געווען.

שכח אייבערשטער עס איז ארויסגעקומען פיינע קריספי חלות.

איך האב מיך נאכאמאל איבערצייגט אז תפילה איז א וויכטיגע זאך, אפילו ס'זעט אויס אז ס'פעלט פשוט נישט אויס, ווייל מ'געט עס א מאך און שוין, איז עס אבער נישט אמת, ווייל אן תפילה גייט עס נישט.

## ש. מייזעלס
קרית ברסלב

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אנהייב וואך צו קענען באקן פיינע חלות לכבוד שבת.

איך האב געטראכט וואס פעלט אויס צו בעטן דעם אייבערשטן, מען באקט עס און שוין, אבער איך האב יא געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען באקן פיינע פרישע חלות, און ס'זאל גוט אויסקומען.

מיטוואך ווען איך האב געוואלט אנהייבן באקן די חלות

## פ. ניישטיין
קרית ברסלב

ברוך השם איך האב א מאן וואס גייט הפצה מיט די קונטרסים פון אמונה.

פארגאנגענעם דאנערשטאג איז מיין מאן געגאנגען הפצה, ער האט געדארפט אהיימקומען בשעת די וועטער נביא האט פאראויסגעזאגט אז עס גייט קומען דעמאלט די ערשטע שניי פונעם סעזאן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל נישט שנייען ביז ער קומט אן אהיים.

שכח אייבערשטער עס האט נישט אנגעהויבן שנייען ביז נאכדעם וואס ער איז שוין געווען אינדערהיים געזונטערהייט.

# Squash Soup:

BY: G. APPEL

## INGREDIENTS:

- 4-5 SQUASH
- DON'T PEEL SLICE CUBED
- 1 ONION CUBED
- 7 CLOVES GARLIC
- HALF A PACK OF BROCCOLI
- 2 T SALT
- OIL FOR SAUTEING

## DIRECTIONS:

- IN A 8 QUART POT, SAUTEE ONION TILL GOLD.
- ADD GARLIC, SQUASH, AND BROCCOLI.
- ADD WATER TO POT TILL 3/4 IS FULL
- ADD SALT
- BRING TO BOIL
- COOK FOR 1 HOUR
- BLEND AND COOK FOR ANOTHER 15 TO 20 MIN ON A LOW FLAME.






# "חנוכה פארמעסט" גייט שוין אט אט צום דרוק!

שיק ארײַן דײַן חנוכה בילד ביז דאנערשטאג וישב

# יאקאב!

*פארזעצונג פון פריער: יעקב (יאקאב), מיט א גרופע בחורים* זענען אנגעקומען צו די שטאט ווילנא, פון דארט *פלאנען זיי צו אנטלויפן* קיין רוסלאנד דורך וועלדער.

די בחורים האבן דאן אפגעמאכט צווישן זיך אז זיי וועלן זיך ארויסלאזן אינאיינעם, אבער ביים שווערצן וועלן זיי גיין אפגעזונדערט, כדי נישט צו ציען אויפמערקזאמקייט. און אויב חס ושלום איינער ווערט געכאפט וועלן די אנדערע זיך נאך קענען ראטעווען.

אזוי האבן זיי טאקע געטון און זיי האבן זיך ארויסגעלאזט שפעט אין א פארנאכטס, אנגעגארטלט מיט תפילה ריכטנדיג זייערע טריט צום געדיכטן וואלד.

שטיל און פאמעליך האבן די חברים געשפאנט, אנקומענדיג נענטער און נענטער צום טינקלען שרעקעדיגן וואלד.

צוביסלעך זענען זיי אריין איינער אויף אמאל, אפגערוקט איינער פון צווייטן אפאר מינוט. יעקב איז אריין דער לעצטער. א צייטווייליגע ציטער האט אים ארומגענומען. ער האט געהערט חיות ברומען פון אלע זייטן, גרייט צו פארציקן ווער עס קומט נאר נאנט, אבער יעקב האט נישט מורא, ער האט א שטארקע געווער, אמונה און בטחון, און זיינע ליפן שעפשען כסדר א תפילה "באשעפער היט מיר, באשעפער באגלייט מיר, באשעפער קום מיט מיר..."

און אזוי גייט יעקב אלץ טיפער און טיפער אריין אין וואלד. ער געדענקט די סימנים וואס די חברים האבן אפגעשמועסט און אט דערזעט ער פונדערווייטנס א לעקטער שיינען, דאס מיינט אז ער קומט שוין אן צום גרעניץ, זיין הארץ קלאפט שנעל, זיין מח זאגט אים "לויף שנעל, שנעל..."

ער זעט שוין פונדערווייטנס די אויסגעשטרעקטע רעוואלווערס פון די גרעניץ וועכטער און אויך יעקב שטעלט אן זיין רעוואלווער..

וואס דאס איז "תפילה." אזוי ווי מיר ווייסן ביים זיידן יעקב שטייט "הקול קול יעקב, והידים ידי עשו" עשו דער גוי ניצט זיינע הענט, אלץ געווער אבער די "קוילן" די באמבעס פון יעקב זענען דוקא זיין "קול" זיין תפילה.

יעקב האט געוואוסט אז ער מוז אנקומען אויף די אנדערע זייט איידער עס ווערט טאג. אין די טינקלקייט פון די נאכט איז גרינגער זיך צו שווערצן.

אנגעגארטלט מיט תפילה האט זיך יעקב א לאז געטון צו א שטילע פונקט ביים גרעניץ, און שנעל שנעל מיט אלע כוחות איז ער געלאפן אריבער די גרעניץ.

מיט גרויס שמחה און דאנק צום אייבערשטן דערזעט זיך יעקב אויף די אנדערע זייט גרעניץ, ער איז שוין אין רוסלאנד. שכח אייבערשטער. יעקב כאפט זיך דאס אטעם, אבער ער שטעלט זיך נישט אפ. ער איז נאך צו נאנט צום גרעניץ. שנעל איידער עס ווערט טאג, לויפט ער ווייטער און ווייטער.

ש. טראכטער

# 4

נאך א שטיק צייט גיין האט די זון אנגעהויבן אויפשיינען. א נייע טאג, פול מיט האפענונג אויף בעסערע צייטן

יעקב האט זיך אפגעשטעלט. ער האט פרובירט אויסצורעכענען ווי זיינע חברים דארפן צו זיין. ער האט זיך עפעס צעמישט מיט די חשבון. אזוי שטייט ער דארט אליינס און ווארט און ווארט אויף זיי.

ער איז ארויפגעקראכן אויף ביימער און פרובירט ארומצוקוקן זען "וואו זענען די חברים?" אבער יעקב האט זיי נישט געטראפן.

**ער זעט שוין פונדערווייטנס די אויסגעשטערק־טע רעוואלווערס פון די גרעניץ וועכטער און אויך יעקב שטעלט אן זיין רעוואלווער, וואס דאס איז "תפילה."**

ווען די זון איז אנגעקומען אינמיטן הימל האט יעקב געוואוסט אז עס איז שוין אריבער אפאר שעה און אז ער האט זיי נישט געטראפן ביז יעצט, וועט ער זיי לכאורה שוין מער נישט טרעפן.

יעקב האט טאקע קיינמאל נישט אויסגעפונען וואס מיט זיי האט פאסירט....

שטייט דער יונגער בחור'ל אליינס אין א וויסטע מדינה, אן קיין שום השגה ווי צו גיין ווייטער. פאר זיינע אויגן זעט ער נאר פעלדער און פעלדער אבער נישט קיין הייזער און נישט קיין מענטשן.

די טאג בלייבט נישט שטיין, די זון הייבט אן נייגן אראפ און יעקב ווייסט נישט וואו צו גיין ווייטער. ער הייבט אויף די אויגן צום באשעפער און בעט אויף סייעתא דשמיא.

פלוצלינג זעט ער פונדערווייטנס אן אלטער איד מיט א לאנגע בארד קומט צו גיין. יעקב האט זיך זייער געפריידט. ער איז צוגעלאפן צום אלטן און אים געפרעגט מיט זארג, "וואו קום איך אן צום נענטסטן דארף?"

דער איד האט גארנישט גערעדט, נאר ער האט ארויסגענומען א שטיקל פאפיר, און אנגעצייכנט דערויף א מאפע פון די געגענט און אים געצייכנט מיט'ן פעדער וואו ער זאל גיין.

יעקב האט זיך געוואונדערט ווער דער אלטער איד איז און וואו ער איז פלוצלינג אנגעקומען אין די וויסטעניש און פון וואו ער קען זיך אזוי גוט אויס אין די געגנט. אבער נאך איידער ער האט עספיעט אים צו פרעגן זיינע שאלות, איז שוין דער אלטער געווען אויפ'ן וועג און איז פארשוואונדן געווארן פון האריזאנט.

שפעטער פלעגט ער זאגן פאר זיינע קינדער אז דאס מוז זיין אליהו הנביא וואס מען האט אים געשיקט פון הימל, איינער פון די פילע נסים און סייעתא דשמיא וואס ער האט זוכה געווען צו זען דורכאויס יענע יארן.

יעקב האט אויסגעפאלגט די אנווייזונגען און זיך ארויסגעלאזט צום דארף. עס האט אים גענומען בערך א טאג און יעקב איז אנגעקומען צו א דארף מיט פויערן. דארט האט ער זיך אנגעטראגן צו ארבעטן, און אזוי האט ער געקענט באקומען גרינצייג און פרוכט, וועלכע ער האט געגעסן.

יעקב האט געהאלטן חשבון פון די טעג און אזוי געהיטן שבת, די בעסטע לויט די מעגליכקייטן.

ער האט נישט געוואלט איבערשלאפן אין קיין גוי'אישע הייזער, דערפאר פלעגט ער זוכן צו שלאפן אין א שטאל אדער אין א פארווארפענע כאטקע.

אזוי האט ער געוואנדערט פון דארף צו דארף און פון שטעטל צו שטעטל און פרובירט צו טרעפן א פלאץ וואו ער וועט זיך שפירן באקוועם און פארזיכערט ביז די קריג גייט פאראיבער.

חדשים לאנג איז יעקב אזוי געקראכן איבער פעלדער און וועלדער, בשעת ער ערנערט זיך פון פרוכט און ירקות און ער שלאפט אין פארווארפענע שטאלן אדער אפענע פעלדער ביז ער איז אנגעקומען צו א פארווארפענע פארם טיף טיף אריין אין רוסלאנד פארשטעקט צווישן הויעכע בערג.

אוזבעקיסטאן....

*פארזעצונג קומט אי"ה*

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי האט געזאגט: איך בין א טייך וואס רייניגט פון אלע שמיציגע פלעקן!

## ברסלב'ע חידות

**וועלכע דריי זאכן פונעם צדיק – זאגט דער רבי – ליגט אינעם ספר פונעם צדיק?**

| | |
|---|---|
| א. פנים | ה. שכל |
| ב. דרשות | ו. שיריים |
| ג. ספרים | ז. נשמה |
| ד. געלט | ח. בענקל |

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

א איד האט אמאל געזאגט פארן רבי'ן אז ער קען זיך נישט קריגן מיטן יצר הרע, האט דער רבי געזאגט: דו טו גוטס און די שלעכטס וועט שוין ממילא אוועקפאלן!

## געב א שמייכל

**מ'האט דערפון צוויי, מ'קאכט מיט זיי, און ווען מ'געבט עס א קניפ טוט עס וויי. וואס איז עס?**

געברענגט צו אייך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א – גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה – חלק ראשון**

**כט. כְּשֶׁנּוֹפֵל מֵאֱמוּנָתוֹ, בָּא לִידֵי קֶרִי וְלִידֵי הִרְהוּרֵי אִשָּׁה וְלִידֵי הִרְהוּרֵי עֲבוֹדָה זָרָה.**

אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט שְׁוַואךְ אִין אֱמוּנָה, בְּרֶענְגְט דָאס אִים צוּ טוּמְאַת קֶרִי, אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אִים צוּ טְרַאכְטְן פוּן פְרוֹיעֶן אוּן צוּ טְרַאכְטְן פוּן עֲבוֹדָה זָרָה.



# שרייב טישל

## לגאמיר זיך באקענען

**הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מען ליידיג)**, און שיק אריין צום בלעטל וועם דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו אריינשיקן א בילד פון דיר** (מאך זיכער ס'איז א קלארע בילד פון דיין פנים)**, און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!** (דעטאלן וואו צו שיקן דאס בילד קען מען זען אויף זייט 2)

בילד פון פארגאנגענע וואך: **משה שטיין - קרית ברסלב - כתה א'**

# קליין און פיין



דוד איינהארן



רבקה'לע ראבינאוויטש



וואגשאל - יוסף ציג



משפחת פעקעטע,
יעקב און עשיו



שלמה אפפעל און
מירעלע ראזענפעלד



ברכי, סימי און שימי בלעדי



יוסף ציג



צפורה בירנבוים



הערשי יאקאבאוויטש



פייגי בוים און חי' יאקבאוויטש

# געמאלן

א מעשה פון תפלה



אוי מַיין שַׁבָּת
שִׁיךְ אִיז שׁוין
קְלֵיין.



אֵייבֶּערְשְׁטֶער
הֶעלְף אִיךְ זָאל
הָאבְּן נַייעֶ שַׁבָּת
שִׁיךְ.




שְׁכּחַ
אֵייבֶּערְשְׁטֶער
אִיךְ הָאב
בַּאקוּמֶען נַייעֶ
שֵׁיינֶע שַׁבָּת
שִׁיךְ.

געמאלן דורך:
פייגי אינדיג תמי' קרית
ברסלב



אַ גוּט מָארְגְן!
אוֹי סְ'אִיז שְׁפֶּעט.



אֵייבֶּערְשְׁטֶער
הֶעלְף אִיךְ זָאל
נִישְׁט פַארְפַּאסְן
דִי בָּאס.




שְׁכּחַ
אֵייבֶּערְשְׁטֶער
אִיךְ הָאב נִישְׁט
פַארְפַּאסְט דִי
בָּאס.

געמאל דורך: גאלדי לאקס
תמי' קרית ברסלב

שיקט אריין אייער מאלעריי צו:
845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

# מִשְׁפַּחַת גְּלִיק

## כאפט א בליק, ביי משפחת גליק.

פ אריגֶע מָאל הָאט מֶען פַארְצֵיילְט פוּן דִי לְחַיִּים פוּן פֶעטֶער בָּרוּךְ. אִיךְ הָאבּ בַּאשְׁלָאסְן אַז דָאסְמָאל וֶועל אִיךְ מְוַותֵּר זַיין, אִיךְ וֶועל בְּלַייבְּן מִיט דִי קִינְדֶער אֲפִילוּ אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיטְהַאלְטְן דִי וָוארְט. נָאךְ אַלֶעס, אִיז מֶענְדִי אַזוֹי נָאנְט אוּן בַּאלִיבְּט מִיט פֶעטֶער בָּרוּךְ, זָאל עֶר מִיטְהַאלְטְן זַיין שִׂמְחָה.. אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַארְשֶׁעמְט פוּן מִיר אַלֵיין: "וָואסְפַארַא סָארְט אִינְגֶל בִּין אִיךְ, אִיךְ פַארְגֶעס צוּ זָאגְן מַזָּל טוֹב, דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ!" אָבֶער אִיךְ הָאבּ זִיךְ וִוידֶער דֶערְמַאנְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעמַאכְט און אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאר אַ מֶענְטְשׁ.

יֶעצְט לֵיינְט וַוייטֶער: אִיךְ בִּין צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער חָתָן - פֶּעטֶער בָּרוּךְ מִיט אַ בְּרֵייטֶע שְׁמֵייכְל און גֶעוואוּנְטְשְׁן מַזָּל טוֹב. דַאן בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אָפְּגֶעבְּן מַזָּל טוֹב פַאר זֵיידִי פְרִיעֶד און פַאר דֶער מְחוּתָּן: "אַזַא זִיסֶער אִינְגֶעלֶע, וִוי אַזוֹי הֵייסְטוּ?" - הָאט עֶר מִיר גֶעפְרֶעגְט מִיט זַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶע אַקְצֶענְט, "מֶענְדִי גְלִיק" - הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט שֶׁעמֶדִיג.

"אָה, אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דַיין זֵיידְן ר' מְנַחֵם מֶענְדְל גְלִיק, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד גֶעוֶוען, מֶען הָאט אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן, עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה! דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל הֶעלְפְן, זָאלְסְט גֵיין אִין זַיינֶע וֶועגְן און אִים מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ!" הָאט עֶר הַארְצִיג גֶעוואוּנְטְשְׁן, דְרִיקְנְדִיג מַיין הַאנְט!

"אָמֵן" - הָאט אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט, דֶערְמַאנֶענְדִיג זִיךְ פוּן אַפָּאר מִינוּט פְרִיעֶר, וִויאַזוֹי אִיךְ הָאבּ טַאקֶע שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּרֶעגְן.

* * *

לָאמִיר הֶערְן וָואס צִירִי פַארְצֵיילְט:

"יֶעי!"

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן דִי לוּסְטִיגֶע שְׁפְּרִינְגֶען אַרוּם מִיר

"סְ'שְׁנֵייט"!

"דִי גַאנְצֶע גַאס אִיז בַּאדֶעקְט מִיט אַ וַוייסֶע טִישְׁטוּךְ!"

אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁנֶעל גֶעוַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער, גֶעזָאגְט מוֹדֶה אֲנִי און צוּגֶעלָאפְן צוּם פֶענְסְטֶער.

"עֶס זֶעט אוֹיס אַ גוּטֶע שְׁנֵיי" - הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט צוּ מֶענְדִי, "מֶען וֶועט קֶענֶען מַאכְן אַ שְׁנֵיי מֶענְטְשׁ, אַ גְרוֹיסֶע!"

"יָא, אָבֶער לָאמִיר עֶס מַאכְן אַלֵיין" - הָאט מִיר מֶענְדִי שְׁטִיל צוּרִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט - "וַוייל לֶעצְטֶע מָאל וָואס מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ שְׁנֵיי מֶענְטְשׁ מִיט וֶועלְוֶועלֶע און הֶענְדִי הָאט זִיךְ עֶס נִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, זֵיי הָאבְּן שׁוֹין נָאר גֶעוָואלְט אַרוֹיפְלֵייגְן אַ מִיַּער פַאר דִי נָאז און נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעדוּלְד צוּ וַוארְטְן, גֶעדֶענְקְסְט?"

"זִיכֶער! און זֵיי הָאבְּן צוּפִיל גֶעוִוילְדֶעוֶועט, בִּיז מִיר הָאבְּן גֶעמוּזְט צוּרִיק אַרַיינְגֵיין אִין שְׁטוּבּ און נִישְׁט גֶעקֶענְט מַאכְן אַ שְׁנֵיי מֶענְטְשׁ".

אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְמַאנְט וִוי אִיךְ בִּין דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַזוֹי אַנְטוֹישְׁט און אוֹיפְגֶערֶעגְט, אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם פֶענְסְטֶער און נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּמֶען עֶסְן מִיטָאג.

אִיךְ בִּין גֶעזֶעצְן אַזוֹי פַארְטְרַאכְט און נָאכְגֶעקוּקְט יֶעדֶע קַאר וָואס פָארְט אַרִיבֶּער, און צֶעשְׁטֶערְט דִי שֵׁיינֶע וַוייסֶע טִישְׁטוּךְ אוֹיפְן גַאס.

פְּלוּצְלוּנְג הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען מַיין פֶעטֶער פִּנְחָס קַאר, און זַיין טָאכְטֶער - מַיין קָאזִין שָׂרִי זִיצְט דָארְט מִיט אַ זוֹיעֶרֶע פָּנִים.

"פַארְוָואס אִיז זִי טְרוֹיעֶרִיג?" - הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט - "אֶפְשָׁר הָאבְּן אִירֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער אִיר אוֹיךְ גֶעשְׁטֶערְט מַאכְן אַ שְׁנֵיי מֶענְטְשׁ?"

"נֵיין!" - הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעכַאפְּט - זֵיי הָאבְּן דָאךְ נִישְׁט קְלֵיינֶע קִינְדֶער, נָאר זִי שָׂרִי און אִיר עֶלְטֶערֶע בְּרוּדֶער יוֹאלִי וָואס אִיז שׁוֹין אַ בָּחוּר.

ל. סאקס

אָהּ! וֶועגְן דֶעם אִיז זִי טְרוֹיעֶרִיג, וַוייל זִי הָאט נִישְׁט מִיט וֶועמֶען צוּ שְׁפִּילְן אִין דִי שְׁנֵיי, מִיט וֶועמֶען זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן אַז סְ'שְׁנֵייט.

אִיךְ הָאבּ פְּלוּצְלוּנְג אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּאקוּמֶען רַחְמָנוּת גֶעפִילְן אִין מַיין הַארְץ, אַז אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסְן צוּ זַיין אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף מַיינֶע זִיסֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער, וָואס שָׂרִי וָואלְט זִיךְ אַזוֹי גֶעפְרֵיידְט צוּ זַיין זֵייעֶר שְׁוֶועסְטֶער.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן מַיינֶע זִכְרוֹנוֹת דוּרְךְ נָתִ'יס אוֹיסְרוּפְן: "אֵייף, אֵייף! דַא דַא!"

קֵיינֶער הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר וִויל, וָואס מֵיינְט אֵייף?

"אָה, זֵייף! עֶר מֵיינְט אַז אֵיינֶער הָאט אוֹיפְגֶעגָאסְן זֵייף אוֹיפְן גַאס, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט נֶעכְטְן גֶעטוּן!"

נֶעכְטְן הָאט עֶר זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעעֶפֶנְט דִי שַׁאנְק אוּן גֶעמַאכְט אַ וַוייסֶע טַייךְ אִין דִי גַאנְצֶע צִימֶער

"וֶועגְן דֶעם שְׁרֵייט עֶר דַא דַא, וַוייל עֶר וֵוייסְט שׁוֹין אַז מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיסְגִיסְן זֵייף! אֱמֶת נָתִי?" הָאט מֶענְדִי גֶעזָאגְט קְנִיפְּנְדִיג זַיינֶע בֶּעקֶעלֶעךְ.

מִיטְאַמָאל אִיז מִיר בֵּייגֶעפַאלְן אַ מֶעכְטִיגֶע פְּלַאן!

אי"ה קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועל אִיךְ אַייךְ דֶערְצֵיילְן וָואס אִיז וַוייטֶער גֶעוֶוען.



# דער אוצר אויפן באן 23

דאס לעבן און שאפן פון מוהרא"ש זי"ע

די ערשטמאליגע נסיעה פון מוהרא"ש זי"ע צום רבינ'ס ציון אלס אינגערמאן




גענומען מיט רשות פון עיר ברסלב

# לעצטענס איז אדווי איינגענעם אין שטוב ביי משפחת פרידמאן פון מאנסי

אלעס אין איינער זכות!




זכות פרק $1000

זכות $500

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

פארבינדט אייך היינט מיטן גבאי **מו"ה לייבי ראטה הי"ו**

347 578 4449

*sruliHeskel

# געשעעניש
אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



די הנהלה פון וויזניץ בעקעריי באזוכט אין קרית ברסלב בעקערי



האשקי שול נאכן ערשטן שניי דעם ווינטער אין שטעטל - עש"ק חיי שרה תשפ"ה



א ברסלב'ע אינגל אין שטעטל מיט די גליונות און הדסים לכבוד שבת



די קינדער פון בית המדרש פעולת הצדיק אין שטעטל האבן אהערגעשטעלט א שניי מענטש - מוצש"ק חיי שרה תשפ"ה



די קינדער פון די עלטסטע כיתה ביים
דאווענען שחרית אין ביהמ"ד אין שטעטל



יום כיפור קטן אין ישיבה אין שטעטל



דער ראש ישיבה שליט"א
פארברענגט מיט די בחורים



דער ראש ישיבה שליט"א פארברענגט מיט די
בחורים אין פארק



סעודת ראש חודש צוגעשטעלט אין האשקי שול
דורך די גבאי בית המדרש



וואך נאכט פון הילד משה בן מו"ה
שמואל אייזיק פערל הי"ו





ברית פון הילד משה בן מו"ה שמואל אייזיק פערל הי"ו אין ביהמ"ד היכל הקודש ירושלים - ג' תולדות תשפ"ה




א בליק אין מתיבתא מרדכי לייב של היכל הקודש ירושלים




בר מצוה פון הבחור שלום יעקב בן מו"ה נחמן שמואל יאקאבאוויטש הי"ו אין שטעטל - ה' תולדות תשפ"ה



דאנערשטאג נאכט שיעור אין שטעטל



לחיים נאכן תפילין לייגן פון הבחור שלום יעקב בן מו"ה נחמן שמואל יאקאבאוויטש הי"ו



החתן אשר ראנד ני"ו ביים מאכן הבדלה אין ביהמ"ד אין שטעטל - מוצש"ק תולדות תשפ"ה



מלוה מלכה אין שטעטל - מוצש"ק תולדות תשפ"ה